STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03318

IN KAZMERZSH

Zusman Segalowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבענס־קלאַנגען.

אַ זאַמעלבוך.

בילדונגס
קאמיטעט
וואוסטער, מאס.

רעדאַגירט דורך

מ. סטאַווסקי.

ווארשא. — תרע"ב.

געזעצט אין דרוק. א. שריפטגיסער.

פערלאג „לעבען".

Тип. Б. Туршъ, Варшава.

מנחם.

שלמה'ס לעבען.

(א פראגמענט)

קעניג-חכם, פרייער הערשער, שענער האר בין
איך געוועזען.
האב געזאגט א ווארט א שטילען — איז פון טייך,
וואס געהט ביי פלשתים,
ביז'ן גרעניץ פון מצרים האר און שקלאף געבליבען
שטעהען,
און דעם קאפ אראבגעזונקען אויף דער ערד געפאל-
לען נידער
און געווארט, דעם קעניג'ס ווילען צו פערנעהמען
און ערפילען.
האב געשיקט מיין שטים בעפעהלענד — זענען מחנות
קנעכט און קנעכטינס
אויף די פעלדער, אויף די גערטנער, ווי די היי-
שריק אנגעפאלען —
פון די בויגעדיגע זאנגען אלע פולסטע אבצושניי-
דען,
פון די צייטיג-פרישע פרוכטען אלע שווערסטע אב-
צוטרייסלען,
און די פעטסטע קוה און רינדער פון די שטאהלען
אויסגעקליבען,

פון די וועלדער— שטארקסטע בוימער איינגעהאקט
און אויסגעבראכען —
און וואו ס׳קען א בליק נאר פאלען אויפ׳ן לאנד פון
קעניג׳ס הערשאפט,
ציהען זיך שוין איבער וועגען אקסען, מויל־אייזלען
און אייזלען.
אנגעלאדענט מיט געשאנקען פאר׳ן גרויסען קעניג׳ס
פאלאץ —
אנצופילען זיינע שייערס, זיינע אוצרות רייך צו
מאכען.
און ניט שקלאפען — האר און הערשער פון די
וויטע קעניגרייכען
זאמלען אויף דאס בעסטע, שענסטע, וואס א לאנד
און פאלק פערמאגט נאר,
און זיי ציהען אן און קומען צום געריהמטען קעניג׳ס
פאלאץ,
אויסצובייטען עס אויף ווערטער, קלוגע ווערטער,
שענע ווערטער
פון דעם קעניג־חכם׳ס לעפצען, און מיט שטילען
וואונדער־שמייכעל
נויגען זיי זיך, בויגען זיי זיך פאר זיין פראכט און
גלאנץ און רייכטהום.
צווישען קעניגען א קעניג בין איך מעכטיגסטער
געוועזען.

ל׳בין אין טאטענס הויז געוואקסען, ווי א צעדער־
בוים אין בערגער.
שפייז געשעפט מיט שטאם און ווארצעל פונ׳ם
זאפטיג־טרייען באדען,
לופט פון אייביג בלאהען הימעל מיט׳ן צווייג און
בלאט געטרונקען—
וואקסט א שטאם אין זון און שטראהלען, שטייגט
א קרוין צום לייכטען וואלקען,

שנײַעלען זיך די פעסטע צװײַגען מיט די שאַרפע
 בערגער-װינדטען,
און פון װײַ... רו... די פּאַלמען, יונגע טעכטער
 פון דער װיסטע,
ציהען אױס די ברײטע בלעטער, געהע אױס פון
 דורשט און בענקשאַפט,
לאָקען — שאָטענס, נאַכט אין אױגען, בױמער
 װאוקס און העלדענאָרעמס
פלאַמען מאַטע אין די אױגען, אױף די לעפּצען
 פּאָטער-ליעדער,
האַרפּענקלאַנגען אױף די לעפּצען, פון די לעפּצען
 פײַל און בליצען,
איז דעם קעניג׳ס זוהן געגאַנגען איבער הײסע יו-
 גענד-שטעגען, —
מיטבעגלײט מיט װאונדער-שמײכעל אױף געזיכטער
 פון חכמים,
מיטבעגלײט מיט שטאָלצע בליקען פון געטרײַע
 קעניג-דינער
און מיט שטילען דורשט און װילען אױף די צערט-
 ליכע געזיכטער
פון ירושלים׳ס מײדלעך, פון די פרעמדע קעניג-
 טעכטער.
און דערנאָך, װען יוגענד-שטראָמען, פינקלענדיג מיט
 לוסט און ליעבע,
האָבען איהם געבראַכט אַ יונגען צו דעם טראָהן
 פון טאַטען׳ס הערשאַפט,
האָט בײַנאַכט אין טרױם פון שלאָפען גאָט פון
 טאַטען זיך בעװיזען
פאַר די אױגען פונ׳ם קעניג, איהם פון יוגענד-
 שלאָף צו װעקען,
צױבער-קראַפט אַרײַנצושפּאָצען אונטער זײַנע שװאַר-
 צע ברעמען
און פאַר איהם צו אָפען מאַכען מענשענזעלע און
 געדאַנקען.

האָב איך זיך געלאָזט אין לעגען איבער די בע־
שערטע שטעגען,
וואָס דער ערשטער שריט אויף יעדען איז פון
טראָרן־שטאַפעל געוועזען.
און אויף איינס פון מיינע שטעגען איז א שטילע
נאַכט געלעגען.
ליבע־בליצען צויבער־בליצען האָבען פון דער
נאַכט געשימערט,
און אַרום, פון שטילען פינסטער, האָבען מיר דעם
וועג פערשווינדעלט
בליקען דורשטיגע און אָרעמס, גאָלדיג־צאַרטע
פרויענאָרעמס, —
און געפאַלען בין איך דורשטענד, אין א נעץ פון
לוסט געפאַנגען,
כ'בין געפאַלען, אויפגעשטאַנען, אויפגעמונטערט
זיך פון צויבער,
און אַרום נאָך אָרעמס גאַרען, אָרעם צערטליכער
פון אָרעם, —
בין איך נאָך און אַלץ געפאַלען, אויפגעשטאַנען
און געגאַנגען.

און דער צווייטער פון די שטעגען איז אין זונע־
שיין געלעגען.
ס'האָבען פעלדער זיך געגאָלדיגט אויפ'ן פאַל פון
בערגער־קאַרקען,
ס'האָבען וועלדער זיך געטונקעלט אויף די שפיצען
פון די בערגער,
ס'איז א טייכעל, שטראַהל געפערעלט, ווייט אין
טאָל אוועקגעפלאָסען,
און א פלאַמען־היץ פון שטראַהלען איז אויף באַרג
און טאָל געפאַלען
און דאָס ברומען פון די וועלדער, און דאָס זומען
פון די פעלדער,

און דאָס מורמלען פונ׳ם טײַכעל, און דעם קלײַ-
נעם, קלײנעם מענשען
מיט זײַן זעהען, מיט זײַן אָטעם אײַנגעשטיקט און
אײַנגעשלונגען.
האָב איך ווײַט אין רוים פון בערגער אַ געשרײַ
אַרויסגעלאָזען —
זענען דינער אָנגעלאָפען, האָבען זײ די אַלטע
בוימער
אויסגעריסען פון די וועלדער, האָבען זײ די פּע-
רעלשטראַהלען
אויסגעשוימט פון קלאָרען טײַכעל, האָבען זײ די
זינגער פוינעל
אויסגעפאַנגען פון די פעלדער, און אַ פּאַלאַץ,
גאָלד בעשאָטען,
אויפגעהויבען פאַר׳ן קעניג אין דעם בלאָהען רוים
פון הימעל, —
האָב איך וואַסערן געלאָזען, וואַלד און שפּראָצלינג
צו פערפלאַנצען,
האָב איך שקלאַפען, קנעכט געזאַמעלט, דינסטען,
הויז-לײַט אויפגעקליבען,
פיה און רינדער, גאָלד און זילבער, גאָלדנע רײַט-
וועגען און רײַטער,
ב׳בין געוואָרען האַר און הערשער, כ׳בין געוואָרען
ערדען-קעניג, —
נאָר אַלץ ברײַטער, גרוים און פרײַער זענען באַרג
און פעלד געוואָרען
און אין נײַעם דורשט און לוסטען בין איך נאָך און
אַלץ געגאַנגען.

און דער דריטער פון די שטעגען איז דורך שטאָדט
און דאָרף געלינגען.
צווישען ווײַסע זילבערשטאַנגען, אין אַ העלער זײַד-
נער חופּה

בין איך אויף די דינער־אקסעל איבער גאס געווען
געטראגען,
און ארום דער זיידען־חופּה האבען מענשענקעפּ
געווימעלט,
און דערגאנגען איז צום אויער א געבעט פון שטי־
מען טויזענד:
„קעניג אונזער, וויי דיין גנאדע צום געבעט פון
שטימען טויזענד!
„זאל אין דיינע צויבערפינגער ווידער ציטערן די
הארפע,
„וואס האט מוט און קראפט געגעבען פאר׳ן פא־
טער דוד׳ס לעבען.
„לאז אויף אונז די פונקען פאלען פון דיין צויבער־
גלאנץ און שענהייט
„וואס האט דיך געמאכט צום קעניג מיט׳ן הויכען
הימעל׳ס ווילען.
„קעניג אונזער! קעניג אונזער! גנעדיג זיי מיט
פאלק און קינדער!"
און איך האב דעם טאטענס הארפע אין דער צוי־
בערהאנד גענומען.
כ׳האב מיין זילבערשטים דערהויבען, און געזונגען
זילבערליעדער,
טרוימענלידער פון די רויזען, וואס צובליהען זיך
אין פריהלינג
אין די פעלדער, אין די טאלען, אויפ׳ן שרון און
לבנון,
פון מיין מילד־קליינער געליעבטער, צו א פעלד־
בלימעל געגליכען.
פון די נעכט פון אונזער ליעבע אין די וויים בע־
טהויטע גערטנער, —
און איך האב מיין שטים דערהויבען, און עס פלי־
הען בליצענווערטער,
ווי די אויסגעשניצטע פיילען אין געבעט פון שטי־
מען טויזענד, —

און אַרום, עס וואַקסט אַ טומעל — „קעניג רעדט
און קעניג זינגט אונז!"
און אַרום, עס וואַקסען מחנות, מחנות קעפּ און
דורשטענבליקען,
און ווי זילבער קלינגט מיין שטימע און די אַלטע
האַרפּע ציטערט.

און דער פיערטער פון די שטעגען איז דורך מענ-
שען-קנויל געלעגען.
ווי אין ביהנענשטאָק די ביהנען האָבען שטימען זיך
געפלאָכטען,
זענען מענשען איינגעפלאָנטערט איינס אין אַנדערן
געלעגען,
איינס דעם צווייטען אויף די קאַרקען, אויף די
קעפּ אַרויפגעקראָכען.
און ביי די, וואָס שטעהען אויבען, ברענען, פלאַ-
מען הונגער-אויגען,
הונגער-מיילער אויפגעעפענט, ווייסע צייהנער קוקען
שאַרפע,
און די הענד, געדרייהט ווי בויגען, און די פינ-
גער ווי די נעגעל,
און די שטימען, ווי געשרייען פון די לעמפּערטען
אין וויסטע.
און פון די, וואָס ליגען אונטען, הערט זיך נאָר
אַ וועה פערדומפּפען
און פון ווייטען ערגעץ גיסט זיך, גיסט זיך, פליסט
אַ שטילער יאָמער
און צושווימט זיך ווי די פאַליעס איבער קרעכצען
און געשרייען,
און וואו נאָר מיין פורפורמאַנטעל האָט ערשיינט אין
פאַליעס יאָמער,
וואו די שיין פון קעניגס אויגען איז אין טונקעל-
קנויל געפאַלען,

עלען טונקלע אויפגעעפענט און בעוויזען רעכט און
אונרעכט, —
זענען הענד אראבגעפאלען, זענען שטיל געווארען
בליקען, —
און עס שטעהען מענשען-קינדער, און זיי אטעמען
פערוואונדערט,
געהען אב א טריט און מורמלען, מורמלען שטיל:
„עס לעב דער קעניג!"

און דער פינפטער פון די שטעגען איז אין דונ-
קעלהייט געלעגען,
אין די ווייסע ווייטע נעבלען האבען בערגער זיך
געוויקעלט,
בוימער ווילדע אבגעקלונגען מיט א אונערהערטען
טרילען,
ס'האבען טייכען, ווילד געשניטען, פאליעס חויכע
ווייט געקויקעלט,
פישען פרעמדע זיך געטונקען, קלאפענדיג מיט עק
אן וואסער
און געגלאצט די וואסער-אויגען אין די ווייסע ווייטע נעבלען,
ס'זענען חיות אומגעלאפען מיט א ווילד געיעג און
שרייען
איבער אונבעקאנטע פעלדער, אונבעקאנט און
פרעמד בעוואקסען.
ס'האבען ימ'ען זיך געבייזערט, חוואליע—איין גע-
פאטשט אן צווייטער,
און דער פרעמדער קלאנג און ברומען האט געררו-
פען מיך פון דונקעל, —
האב איך נעבלען אויפגעריסען, אויף די בערגער
אויפגעשטיגען —
און א טריט פון מיר איז ווייטער שטילע דונ-
קעלהייט געלעגען

און כ׳האָב נעבלען דורכגעריסען, ווידער, נאָך און אַלץ געגאַנגען . . .

און דער זעקסטער פון די שטעגען, און דער זיבעטער, דער אַכטער —
אַלע זענען זיי געווען נאָר וואַסער קוואַלען, רעגענוואָלקען
פאַר׳ן פעלד דעם אויסגעדורשטען, פאַר מײַן אויסגעדורשטע זעלע,
וואָס האָט אייביג נאָר געלעכצעט נאָך די זאַנפטע ליבע טראָפּענס,
נאָכ׳ן קלינגעדיגען רעגען פון געזאַנגען, רוהם און שעצונג,
נאָכ׳ן קלאָרען וויסען־וואַסער פון פערבאָרגען ווײַטע קוואַלען,
און האָב איך אויף שטעג און וועגען מײַנע ליעדער אויסגעזונגען,
האָב איך פונקענווײַז צעוואָרפען מײַן בעשערטע הימעל־רײַכקײַט,
זענען דאָס געווען נאָר זאַנגען מיט אַ גאָלדענגלאַנץ בעשאָטען,
וואָס דאָס פעלד, געזעטיגט־פרוכטבאַר, האָט אַרויסגעשיקט צום הימעל
זיך אין לײַכטע ווינדטען וויגען, לופט און שײַן פון הימעל טרינקען,
און עס האָבען זיך די שטעגען אויפגעגאָסען און געאײַניגט,
און עס האָט מײַן דורשטען זעלע אומגעפלאַטערט צווישען וואָלקען —
אַל די קלאָרקײַט פונ׳ם הימעל, אַל די שײַן פון זונענשטראַהלען,
אַל די פּראַכט פון ערד און ימים אויסצושעפּען, אײַנצוזאַפּען.

ס'איז קיין בלימעל נישט געוועזן אין דער
ווייט
און ווייטסטע לענדער,
וואס זיין זיס און שכור ריח זאל מיך האבען
אויסגעמיטען,
ס'האט די ערד קיין קלאנג געבוירען, וואס האט נישט
דערגרייכט מיין אויער,
ס'האט דאס לעבען נישט קיין אטעם, וואס זאל נישט
מיין ברוסט דערהויבען,
ס'איז דאס לעבען א געליבטע אין די שטאר-
קע שלמה'ס ארעמס,
שלמה איז דער הייס געליבטער אינ'ם ציטערשווים
פון איהרע לעפצען,
ווערט ער שכור פונ'ם טרינקען, פאלט ער מיער
פון הייסען אטעם,
שלאפט ער איין אויף איהרע בריסטען, און זי
גלעט איהם זיינע לאקען
די געדיכטע שווארצע לאקען, און זי קושט איהם
זיינע אויגען,
און מיט הענר פון אהנמאכט בויגיג פיהרט זי אי-
בער זיינע אקסעל
און די לעפצען איהרע מורמלען: שלמה, שלמה,
הייס געליבטער!
זאל מיין אטעם דיך פערוויגען, רוהיג שלאף אויף
מיינע בריסטען.
כ'האב פאר דיר געפלאנצט א גארטען אין א טאל
ביים שטילען טייכעל,
אינ'ם טאל ביים שטילען טייכעל האב איך פויגעל
אויפגעזאמעלט,
האב איך שטראהלען אויפגעקליבען פון פיער עקען
וועלט און הימעל,
ווענסטו שטיל פון שלאף אויפוואכען, וועל איך דיך
אין גארטען פיהרען,
לאזען שפיעלען אין די שטראהלען, מאכען טרינ-
קען פונ'ם וואסער,

מאכען הערען פון די קלאנגען פון די בליצנעפארב־
טע פויגעל — — — —

שלמה איז א היים געליעבטער אינ׳ם ציטערשוים
פון לעבען.
און אמאל אין ליעבע חלום, ווען ער האט מיט
ברוסט און ליפען
ווײן געטרונקען פון איהר אטעם און געהילט זי אין
די ארעמס,
האט זי שטיל איהר קאפ דערהויבען, אין זײן קע־
ניג־אויג פערקוקט זיך,
און אזוי געזאגט האט לעבען צו דער ליכטיגקייט
פון הימעל:
„פונ׳ם אנהויב ערשטע דורות, צווישען אלע מענ־
שען־קינדער,
האב איך מײן געליעבטען חתן איבער ים געזוכט
און לענדער.
צײטיג איז מײן ברוסט געוועזען, איבערפול דאס
הארץ געוועזען,
און געדורשט האבען די ליפען — זאל צו מיר דער
אײנער קומען
אויף די פליעגלען פון די ווינדטען, זאל ער פא־
לען אין מײן אטעם,
און די מילך פון מײנע ליפען מיט די הײסע קושען
טרינקען,
און דעם ווײן פון מײנע אויגען מיט די דורשטענ־
בליקען שעפען,
כ׳האב געזוכט איהם יאהרען טויזענד, איבער ימ׳־
ען, איבער לענדער —
ווײט געוועזען איז מײן געליעבטער, און דער ווינד
געוועזען איז פײנדליך.
נאר אמאל אין הײסען וואגעל האב איך אויף א
וויסטען־פאשע

אויפגעזוכט א יונגען פאסטוך מיט א בויגען, פייל
און פייפעל —
שען און שטארק איז ער געוועזען — האב איך
ווילען איהם געגעבען
קעניג, האר און זינגער ווערען, און געזאגט איהם,
און געזאגט איהם:
געה און ברענג מיר מיין געליעבטען, געה און ברענג
מיר מיין געליעבטען!
און ער איז אוועקגעגאנגען, האט געליעבטען מיר
געבוירען — — —

שען און גרויס איז מיין געליעבטער, אויסגעבענק-
טער, אויסגעטרוימטער,
וועט ער זיין מיין שטאלצער קעניג איבער דורות
איין און איינציג,
וועט ער זיין די קרוין פון לעבען, וועט ער זיין
איהר שאפונגס-ציערונג,
וועט ער זיין איהר הייסער אטעם, וועט ער זיין
איהר הארצענס אדער —
און אויב ס׳זענען מענשען — זאנגען אויף די ברייטע
לעבענס-פעלדער, —
שלמה איז א בוים אין בליהען, איבער פעלדער
א בעצווייגטער,
און אויב ס׳זענען מענשען—בוימער אין די אלטע
לעבענס וועלדער, —
שלמה איז א בארג אין וועלדער מיט א שנייען-קרוין
אין הימעל...
שלמה איז א הייס-געליעבטער אין דעם ציטערשויס
פון לעבען,
ס׳איז דאס לעבען — א געליעבטע אין די שטארקע
שלמה׳ס ארעמס.

— — — — — — — — — — —

יונה ראָזענפעלד.

אַ שְׂרֵפָה.

(אין די שמאָלע געסלעך).

פאַרנאַכט, ווען עס איז געווען אָפען טהיר און פענסטער און אַלע שמאָלגעסילדיגע זענען פאַר די טהירען געזעסען און געאָטעמט מיט „פרישע לופט", האָט איין יודענע מרים־לאה, אַ ציה געגעבען מיט דער נאָז און אַ זאָג געגעבען גיטלען, וואָס איז געזעסען אַנטקעגען ביי אַ צווייטער טהיר:

— גיטעל איהר פיהלט גאַרניט?...

גיטעל האָט אַ פּאָר מאָל אַרומגעשמעקט די לופט און אויסגערופען:

— סמאַלענעס שטינקט!

סמאַלענעס? — האָט אַ צווייטע איבערגעפרעגט און האָט איבערגעגעבען אַ דריטער:

— איהר הערט, סמאַלענעס! — און אין אַ צעהן מינוט אַרום האָבען די שמאָלע געסלעך אויפגערודערט. זעלטען איז וואו אין אַ שטוב אַ מענש געבליבען, אַלע האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומצודרעהען אין דרויסען מיט פערריסענע קעפּ צו די קוימענעס און אָט האָט זיך פון ערגעץ געוויזען זעליג „דער רויטער", אַ יוד פון אַ יאָהר פיערציג, וואָס טראָגט כסדר אַ מעשין היטעל אויף'ן קאָפּ און האָט זיך אַליין געקרוינט מיט'ן נאָמען „גאַטשאַלניק" איבער אַלע פריוויליגע פייער־לעשער. דאָס מעשענע היטעל טוט ער אָן באַלד נאָך פּסח. טראָגט עס ביז נאָך די ימים־טובים, אויסער אויף שבת טהוט ער עס אויס. זעליג דער רויטער האָט ניט קיין פאַמיליע און קלערט אפילו ניט חתונה צו האָבען, ער דרעהט זיך גאַנצע טעג אַרום אין די גאַסען און קוקט אויף

די דעכער. פערדיענען אויף צו לעבען דארף ער ניט: וואו און אין וואס פאר א שטוב ער געהט אריין גיט מען איהם אפ צו עסען, ער בעטעלט ניט—נאר פארערט, ער איז זיכער אז ס'קומט איהם און אפשר איז ער טאקי גערעכט, ווייל אויף א שרפה איז ער זיך פשוט מקריב. דרעהט ער זיך ארום גאנצע טעג און דערזעהט פון וועלכען ניט איז קוימען א שטארקען רויך, געהט ער באלד אריין אין שטוב און צושרייט זיך, וואס ס'ברענט אזא גרוים פייער, פאלגט מען איהם ניט, חאפט ער אליין ארויס פון אויווען אפאר שטיקלעך האלץ און טונקט זיי אפ אין פאמעניצע; דערזעהט ער ערגעץ-וואו א צושפאלטענעם קוימען בעמערקט ער אז מ'זאל עם צורעכט מאכען; זעהט ער ווען מיט א פאפיראם אין דרויסען קען ער בעפעהלען איהם באלד אויסצולעשען און פאלגט יענער ניט ווערט ער געזידעלט מיט די ערגסטע ווערטער.

דער קלאנג, אז עס שפירט זיך סמאלענעס, האט באלד דערגרייכט צו זיינע אויערען, איצט פיהלט ער זיך שוין גאר שטארק. דער ערשטער „פריקאז" זיינער איז געווען, אז אין אלע הייזער זאל זיין וואסער, דער צווייטער — מ'זאל אויף די קיכען איצט קיין פייער ניט לעגען און מ'פאלגט איהם: טאטעס מיט זיהן לאזען זיך אויף די בוידעמער קריכען, קאראבקען זיך אין דער פינסטער אויף די לייטערס און מיט א געהיימער שרעק שמעקען זיי ארום די שטיקענדע בוידעם-לופט, טאפען די קוימענס, די דעכער, וואס זענען נאך הייס פון דער אנגעברענטער זון, און ניט געפינענדיג גארניט, זאגט דאך איינער צום צווייטען:

— א קליינינקייט אזעלכע היצען!...

— אונטען ווארט זיי אב ווייב און קינד, און ווען יענע בעווייזען זיך צוריק פון די בוידעמער אויף די לייטערס, פרעגען זיי אונרוהיג.

— נו?

— גארניט! — ענטפערען די „אויסקוקער" — מ'זעהט גארניט...

— גוט בעטראכט?...

— דאכט זיך גוט.

נאר סמאלאנעס שפירט זיך דאך פארט! און ס'זאמלען זיך צונויף רעדלעך מענשען מ'רעדט שטיל און מ'ציהט מיט די נעזער, אייניגע האבען שוין מורא געהן שלאפען... א קליינינקייט אזעלכע היצען, פון די היצען אליין... די שעה זאל גארניט זיין... מ'דארף א סך?...

פערטראַכט זיך אַ יודענע וועגען דער קיך. וועגען דעם טעפּיל אויסגע־לאָשענע קויהלען, וואָס שטעהען אין קעמעריל. גלייבט זי זיך אַליין ניט, און חאַפּט זיך גנבה׳יש אַריין אין דעם קעמעריל, זוכט ־ון שמעקט, געפינט גאַרניט און גיסט דאָך אַריין אַ פּאָר קוואָרט וואַסער אין טאָפּ קויהלען... אָדער טאַפּט זי דעם פּריפּעטשיק צושאַרט דאָס אַש און לעשט אויס אַ קאַלטען פונק וואָס האָט זיך נאָך דאָרט פערקליעבען, פערטראַכט זיך אַ מאַנסביל, ער האָט אַ ציגאַר גערויכערט און געדענקט ניט, וואו ער האָט דאָס שטיקעל געוואָרפען...

אַלע זענען זיכער אַז היינט וועט ברענען... וויל איינער פערראויכערן אַ פּאַפּיראָס, ממש דאָס חיות געהט איהם אויס, נאָר ער האָט אָבער מורא... ציטערט אפילו מ׳זאָל זיך חלילה, ניט דערוויסען, אַז ביי איהם אין קעשענע ליגען שוועבעליך...

צו ביסלעך פערפלעכט זיך אַ שמועס וועגען גרויסע שׂרפות, וואָס האָבען חרוב געמאַכט גאַנצע שטעדט און טויזענדער יודען זענען אָהן אַ דאַך געבליבען, גרויסע גבירים זענען אָנגעקומען צו בעטעל־ברויט. דער, וואָס וויל שטאַרק רויכערן זאָגט, אַז פון קיין זאַך נעהמט זיך ניט אַזוי די אומגליקען, ווי נאָר פון אונטערצינדען. מ׳צינדט אונטער — ברענט... ער גלויבט ניט, אַז פון אַ ציגאַר זאָל קענען ווערען אַ שׂרפה. און די צוהערער ווערען עפּעס אונרוהיג, פון אונטערצינדען קען מען זיך שוין ניט פערהיטען און מען דערמאָנט זיך אין חיים מאָטלען... עפּעס האָט חיים מאָטיל אין צופיעל געלד אָבגעסטראַכירט די שטוב זיינע.

און ווען זיי זענען אַזוי געשטאַנען און גערעדט האָט זיך פּלוצלינג פון אַנ׳אַלטער געביידע אַ געדיכטער רויך בעוויזען און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך מיט אַ קנאַל פון אונטער דער סטריכע אַפּער, ווי רויטע יאַסלעס אַ וויַז געטהון, פערשוואונדען און אין אַ מינוט אַרום האָבען זיך אַ צעהנדליג ציגנער עפּעס ווי פון אַ ווילדען רויטען לץ בעוויזען, פון וואָס הונדערטער מענשען זענען אין אַ ווילדען שרעק אַריינגעפאַלען. אַ ווילד משוגעת האָט אין איין אויגענבליק הונדערטער מענשען־קעפּ דורכגענומען — און עס איז געוואָרען אַ לויפעריי אַ שפּרינגעריי אַריין און אַרויס פון די שטיבער. איינס פאַר דאָס אַנדערע זענען געלאָפען, איינס האָט דאָס צווייטע ניט געזעהען. פון די שטיבער, וועלכע זענען אָהענט צום געפאַהר געווען, האָבען דורך די טהיר און פענסטער פּעקלעך אָנגעהויבען פליהען אין דער לופטען און געדאַכט האָט זיך

אַז אין די שטיבער האָבען זיך „ניט גוטע“ אַרייַנגעחאַפּט און ווילדע געשרייַהען, נאַרניט עהנליך אויף קיין מענשליכע, האָבען זיך אין דער לופטען געטראָגען, אויסמישענדיג זיך מיט'ן דראָבנעם קלאַנג פון צו־בראָכענע שויבען . . .

דאָס פייַער האָט זיך מיט אַ בייַזער ווילדקייַט צוואָקסען, האָט אין איין אויגענבליק די גאַנצע געבייַדע מיט צעהנדליגער פייַערדיגע אָרעמס אַרומגעחאַפּט, האָט אַלע מאָל פרישע ערטער פערנומען, גליט־שענדיג זיך איבער די ווענד מיט אַ ווילד־תאוה'דיגען פלאַטער. און אָט רויכערט זיך שוין אַ צווייטע שטוב; אַ שיטער גרוי רויכעלע—און מיט אַמאָל האָט זיך אַ רויטער פייַער איבער דער גאַנצער ברייט פון דאַך אַ ציה געטהון, נאָכהער זיך געגעבען אַ הויב אין דער לופטען און צו־לאָזט איבער דער גאַנצער לענג פון דאַך אַ פייַערדיגען זוים.

—בים באָם!!! באָם בום!!! באַ—אום — באָם בים באָם!!!

האָט ערגעץ אַ קלויסטער אָנגעהויבען צו קלינגען און אין שטאָדט האָט זיך געלאָזט הערען אַ שאַלען פון מעשענע טרובעס און טויזענדטער הערצער זענען פערציטערט געוואָרען, שוואַרצע ים'ן מענשען האָבען זיך אין די לענג פון די גאַסען צוגאָסען מיט אויפגעהויבענע אויגען צום געדיכט־שוואַרצען רויך, אין וועלכען עס האָבען זיך פייַערדיגע שלענג געדרעהט, מיט די שפּיציג פייַערדיגע ווייַדלען אין הימעל אַרייַן זיך געריסען און דערשפּירט האָבען אַלע אין דעם ווילדען טומעל, אַז עס פערנעהמט זיך אַ גרויס אומגליק. מענשען זענען פון זייַערע אייגענע קולות פערטויבט געוואָרען, אַ חוואַליענדיגער רעש האָט זיך אין דער לופטען געטראָגען, עפּעס ווי די צופאַלענדע נאַכט וואָלט איהם מיט זיך געבראַכט . . . דאָס האָט די נאַכט געשריגען, די נאַכט האָט זיך אָנגעצונדען . . . די פינסטערניש האָט געברענט . . .

— — — — — — — — — — — — —

מיט פערבראָכענע הענד דרעהען זיך אַרום יודען מיט ווייַבער און קינדער. די אויגען זענען רויט, אויף די באַקען טונקעלע פּאַסען פון טרערען. עס איז שטיל, טרויעריג דרעהען זיך אַרום אַפילו יענע וואָס זענען ניצל געוואָרען פון פייַער און עס דוכט זיך אַז עפּעס אַ גע־הײמע האַנד האָט די רוישיגע שמאָלע געסלעך צוגעשטיקט. אויף די איבערגעבליבענע הייַזער, וועלכע האָבען זיך אַרום פייַער געפונען, שטעהען נאָך אויף די דעכער עמערס און עס ליגען נאַסע שמאַטעס,

זעלטען וואו עס איז צו זעהען אַרויך פון אַ קוימען. אויף דער ערד אַרום די אָבגעברענטע הייזער ליגען איינגעקנעטען אין בלאָטע שערבלעך און שטיקלעך גלאָז, אַרויסגעראַטעוועטע שטיקער מעבעל, בעטען הוילע מיט צושאָטענע ברעטלעך, צופוילטע ליידיגע שאַפעס מיט אָבגעבראָכענע געזימסען, גלעזערנע ספרים־שאַפקעס מיט אויסגעבראָכענע שויבען, פון וואַנען עס קוקען אַרויס צעוואָרפענע ספרים. וואו־ניט־וואו זענען גאַנץ געבליבען די אויווענס, פון וועלכע עס קוקען שוואַרצע האַלב־רונדע לעכער אַרויס, און אַרום זיי שטעהען שוואַרצע פערברענטע סלופעס. פון איינציגע שטיבער זענען זרובען געבליבען: אויבען פון די בוידעמער קוקען אַראָב אויסגעבלייכטע טעפ פונ׳ם פסח׳דיגען געפעס, אינוועניג אין די זרובען דרעהען זיך אַרום מענשען ווי שאָטענס, זיי בעווייזען זיך פון צייט צו צייט אין די פירקאַנטיגע לעכער, זוכען עפעס, קוקען צו און בעטראַכטען; יעדער דרעהט זיך אום פאַר זיך, יעדער זעהט נאָר זיין אומגליק, יעדערער זעהט פאַר זיך עפעס אַ גאַנצע אָבגעברענטע וועלט. אין דער פאַנטאַזיע פלאַמט נאָך דאָס נעכטיגע פייער... ערגעץ טיעף אין די אויערען זענען ביי זיי פערגליווערט געוואָרען די נעכטיגע געוואַלדען און געשרעהען.

דערפאַר איז שוין איצט צופיעל שטיל, אַ גאָנגענדער וועהטאָג איז אין דער לופט צוגאָסען און עס דוכט זיך, אַז די לופט בענקט נאָך די אָבגעברענטע הייזער, עפעס פעהלט איהר אין דער הויך... און ווען איז דאָס אַלעס פאָרגעקומען? נעכטען צי היינט, היינט אָדער נעכטען? פערגעסען איז געוואָרען די צייט, דער נעכטען מיט׳ן היינט האָט זיך אויסגעמישט, עס איז ניט געווען ניט קיין נאַכט און ניט קיין פריה־מאָרגען. דאָס העלישע פייער האָט זיי ביידען צוזאַמענגעמישט, האָט די נאַכט פאַר אַ רויטען טאָג געמאַכט און דעם פריהמאָרגען פאַר אַ נאַכט... קיינער האָט ניט בעמערקט, ווי די נאַכט איז אַוועק, און ווי דער טאָג איז אָנגעקומען, ווי פון אַ גוואַלדיגען שפיגעל אָפּערגעקראָכען אלס אַנ׳נאָכקרומעניש נאָכ׳ן נעכטען. און דער טאָג איז ניט בעסער פון דער נאַכט און אפשר נאָך ערגער... ביינאַכט האָט מען געשריגען, געגוואַלדעוועט,—איצט קען מען דאָס ניט, נאָר אַ שטומער וועהטאָג פרעסט די הערצער, אַ שטומע בענקשאַפט נאָכ׳ן איינענעם ווינקעלע, וואו מ׳האָט יאָהרען לאַנג געוואוינט. עס בענקט זיך אפילו נאָך דעם שפינוועבס, וואָס איז געווען אויסגעוועבט אונטער׳ן סופיט... לעבעדיג שטעהט יעדען איינציגען פאַר די אויגען זיינע צוויי דריי אַלקערלעך, וואָס ער האָט בעוואוינט... אָפּ

דאָ זענען געשטאַנען די בעטען, דאָרטען דאָס קינדער-וויגעלע, דאָ דער טיש, דאָרטען די שאַפע...

געהט ווער צו צום אויבען, פערקוקט אינווייניג, שטעהט גראָדע דאָרטען אַ טעפעל, אַ גאַנץ טעפעל—און דאָס האַרץ ווערט עפּעס אויף אַ ווײַלע דערקוויקט, ווי איינער דערזעהט עפּעס אַ נאָהענטען בעקאַנטען, וועלכען ער האָט שוין לאַנג געהאַלטען פאַר געשטאָרבען. נאָר שפּעטער אַ מינוט ווערט עפּעס פערדראָסיג און מ'וואַרפט דאָס טעפעל אָן דער ערד אַרײַן, עפּעס דערוועקט עס נאָך מעהר ווייעהטאָג, נאָך מעהר פערדרוס — הלואי וואָלט די גאַנצע שטוב אין אייוועז געוועזען געשטאַנען...

שטיל איז אין די שמאָלע געסלעך, עס דרעהען זיך אַרום אבלים.

און אַפילו די, וואָס זענען ניצול געוואָרען פון דעם פײַערדיגען שד, בלאָנדזשען אויך ווי נעכטיגע, מיעד און דערשלאָגען. און יעניגע, וועמעס ביסעל אָרימקייט עס איז אין דרויסען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען, שלעפּען דאָס איצט אַרײַן אין די איבערגעבליבענע הײַזער; חדר יונגלעך קריכען אַרום אויף די חורבות און קלויבען שטיקלעך אײַזען מיט צוועקעס. פון צײַט צו צײַט בעווײַזען זיך ווי פון דער ערד אַרויס קליינע פײַערליך, ווי אום זיך צוריק צו בעהאַלטען אונטער די הורבעס שטיינער; שיטער גרויע רויכען ציהען, שלענגלען זיך און ווייסען, דוכט זיך, ניט וואוהין זיך אַהינצוטהון. און זעליג דער רויטער דרעהט זיך אַרום מיט'ן מעשענעם היטעל אויפ'ן קאָפּ און מיט אַנ'עמער וואַסער אין די הענד, אַלע זענען מיעד און דערשלאָגען, נאָר ער אַליין פיהלט ניט קיין מיעדקייט, ער גיסט וואַסער אויף גליהענדע ערטער און ווערט בײַ יעדען גאָס אײַנגע-הילט אין אַ געדיכטער פּאַרע.

* *

*

פאַרנאַכט, די זון פערגעהט ערגעץ דאָ־טען הינטער די הויכע מויערען און עס פאַלען די לעצטע שטראַהלען אויף די חורבות, אויף די שוואַרצע סלופּעס, אויף די בוידעמער אָהן די דעכער, וואו עס שטעהען די בלאַסע איבערגעבּרענטע פסח'דיגע כלים. עס בעווײַזען זיך פערשלאָ-פענע פנים'ער מיט רויטע אויגען, קענטיג, נאָר וואָס פון שלאָף אויפ-געשטאַנען. און עהנליך איז דער פאַרנאַכט אויף אַ פריהמאָרגען און דער וועקגעהענדיגער טאָג אויף עפּעס אַיין ליכטיגער זונען-נאַכט. פון די קוימענעס בעווײַזט זיך רויך און אין די קיך-פענסטער ציטערט אַ העל

ראָזע שיין פון די צעלייגטע פייערן אויף די פריפּעטשיקעס, און עפּעס אנדערש ווי אלע מאָל זעהען איצט אוים די פייערליך, אזוי מילד און צארט און אזוי איינזאם און פערהאסט פון אלעמען. ריכטיג ווי קליינע קינדער, וועמענס פאָטער עס איז א מערדעריי בעגאנגען...

ווייבער בעווייזען זיך מיט שאלען אויף די קעפּ און מיט קוישיקלעך אין האנד. אויף איינינע בריקלעך הערט זיך א שאָבען פון יונגע קארטאָפעל און א געשפּרעך וועגען דער נעכטיגער שרפה. פּונקט א מעת לעת, ווי די שרפה האָט זיך אנגעהויבען, און יעדערער בעזונדער דערצעהלט, וואו זי, אָדער ער, האָבען זיך אין דער צייט געפונען, וואָס זיי האָבען געטון, געזעסען, געשטאנען אָדער נאָר געגעסען וועטשערע, ווען דאָס אומגליק האָט זיך אנגעהויבען.

אין בית המדרש דאווענט מען מנחה עפּעס אזוי שטיל און קלאָגעדיג, ווי תשעה באב פאר „עניני" אָדער ווי די אלע פערזאמעלטע יודען וואָלטען נאָר וואָס פון א לויה נאָך א גרויסען צדיק געקומען. און טונקעלער איז איצט אין בית המדרש ווי אלע מאָל, א שטילער אומעט פלאַטערט אין דער לופטען ארום; דאָס גרויסע אומגליק פון די צעהנדליגער יודישע משפחות האָט דאָ אין בית־המדרש זיינע שווארצע פליגעל צושפּרייט... פון צייט צו צייט שפּרינגט ווי פון דער טונקעלער שטילקייט אפּער אנ'אוי, א וועהטאָגדיגער קרעכץ און ווערט פערשלונגען פון דער זעלבער שטילקייט...

אברהם רייזען.

ווער?

אבגעהאַקט די פליגעל
האָט מען דיין געדאנק...
ווער האָט דיר געטהון עס —
ווייסט ניט — ס'איז שוין לאנג!
אפשר, אין דיין קינדהייט,
אפשר, נאָך אין וויגעל,
האָט דיין מאַמעס ליעדעל
דיר געשאַדט די פליגעל?

אָדער גאָר דער חדר
נידעריג און ענג:
איילען פיער די ברייטקייט,
איילען פיער די לענג;
און דער געלער רבי
מיט'ן געלען אלף —
איז פאַר דיינע פליגעל
גאָר געוועזן דער חלף?

אָדער שפעטער, שפעטער,
ביזט פון חדר פריי
און דיר ווינקען וועגען
ברייט און גרין און ניי, —
נאָר די נויט בעוויזען
האָט זיך באַלד אין מיטען
און די פליגעל דיינע
ביז דיר אָבגעשניטען?..

פּאריז.

מ. ברכהן.

*　*
*

כ׳האָב אַ ליכטיג־שענעם ברודער,
כ׳האָב אַ שוואַרץ־בע׳חנ׳טע שוועסטער;
איז פון שענע — זי די שענסטע,
איז פון בעסטע — ער דער בעסטער. —

האָט מיין ברודער אויגען — זונען,
חאָט מיין שוועסטער בלומען־אויגען;
וועקט מיין בעסטער מיך ביי׳ם אויפשטעהן,
וויעגט מיין שענסטע מיך ביי׳ם לייגען...

— „וועק דיך, וועק דיך! — זעהסט עס וואכען
לאַנג אין גאָרטען שוין די בלומען!“
— „שלאָף זשע, שלאָף זשע! — נאַכט ארום׳עט,
צייט פון חלום׳ען געקומען!...“

ליעב איךביידען ווי דעם הימעל,
ווען דער מאָרגען נעמט איהם זוימען;
איהם, מיין בעסטען, פאַר זיין וועקען,
זי, מיין שענסטע, פאַר די טרוימען...

ידידיה מרגלית.

בילדונגס קאמיטעט
וואָרסעסטער, מאס.

וועלוויל.

(ערצעהלונג)

I.

וועלוויל איז געוועזן אַ יונגעל פון אַ יאָהר פיערצעהן מיט אַ פּאָר שווארצע אויגען און מיט אַ גלייכען שטערן. גאַנצע טעג איז ער אָבגעזעסען אין חדר ביי שלמה'ן דעם מלמד, אַ בלייכער יוד מיט אַ בלאָנדער פלאַקסענער, געקרייזעלטער באָרד, וואָס ער האָט געהאַלטען אין איין באַרשטען און צופּען, און די אויסגעצופּטע האָר בעהאַלטען אין אַ ספר. געלערענט האָט מען גמרא און נביאים מיט'ן מלבים'ס פּרוש, וואָס זענען איהם, וועלווילין, איינענטליך, גאָרנישט אָנגעגאַנגען, און פון פריהמאָרגען האָט ער געוואַרט אויף מיטאָג און פון מיטאָג — אויף דעם פאַרנאַכט: דאַן האָט מען זיך געלאָזט מיט חברה צו דער וואַסער-מיהל מיט'ן גרויסען ראַד, וואָס האָט פרעהליך געפּליעסקעט מיט אַ ווייסען שוים אַרום זיך; צו דער קאַזאַרמע מיט דעם רויטגעפאַרבטען בלעכענעם דאַך און צום שוהל-הויף מיט אַ סך יונגלעך אַרום די בתי מדרשים מיט די גרויסע פענסטער, פון וועלכע עס האָבען גרויסע בליץ-לאָמפּען אַרויסגעשיינט.

אָפט האָט איהם דער טאַטע, בער דער ציגעלניק, פאַרנאַכט מיט זיך מיטגענומען אין ציגעלניע, וואָס האָט זיך געפונען ווייט הינטערן שטאָדט נעבען אייזערנעם בריק; אין שטוב האָט ער זיך קיינמאָל נישט געפונען. און חאָטש ער האָט מיט'ן טאַטען ווייניג גערעדט, האָט ער איהם ליעב געהאַט, בגנבה איהם נאָכגעקוקט און געשלונגען זיין יעדעס וואָרט; ביינאַכט, ליגענדיג אין בעט, פלעגט ער הערען דעם טאַטען פון זיין בעט שמועסען מיט דער מאַמען וועגען געשעפט, וועגען „סטאַווקעס”, „צונעהמער'ס” און „קאָנטראַליען”. די לעצטע צייט האָט מען אַ סך גערעדט וועגען ר' חייקיל בוריש'ן, וועמענס נאָמען דער טאַטע האָט תמיד דערמאָנט מיט פעראַכטונג און צאָרען.

געהענדיג מיט'ן טאטען אין ציגעלניע אריין, פלעגען זיי ביידע שווייגען; בער איז געגאנגען מיט ברייטע מעסיגע טריט און פלעגט וועלוויל'ן אלע ווײַלע לאזען הינטער זיך. אדויסקומענדיג הינטער דער שטאדט אויפ'ן וועג צווישען די גרין פערזעהטע פעלדער מיט די טיעפע בעוואקסענע גראבענס, מיט די אויסגעשפרייטע שינעס פון דער באהן, מיט'ן אייזערנעם בריק איבערן טייך, — פלעגט וועלוויל'ן מאדנע פרעהליך ווערען און אפט פלעגט זיך איהם פערוועלען איבעריאגען דעם טאטען און פערקוקען איהם אין געזיכט מיט א שמייכעל אין א שטיפעריי, ווי מיט א גלייכען, נאר ער האט דאס נישט געוואגט.

צוקומענדיג צום פלאץ, האט זיי נאך פון דער וויטען דערשפירט און אנטקעגען געקומען זשוק, א גרויסער שווארצער קודלעוואטער הונד, וועלכען בער פלעגט, זייענדיג אויפגעלעגט, אויפהויבען פאר זיין גריווע און, הייגענדיג אין דער לופטען, האט זשוק חניפה'דיג געדרעהט מיט'ן וויידעל. אויפ'ן ברייטען פלאץ איז קיינער נישט געווען און אין דער אוונד-טונקעלהייט האט זיך נאר רייהען נאסע ציגעל געבלייכט און אויף די שווארצע, פעררויכערטע וועגד פון הארן-ביידלעך האבען אבגלאנצען פון רויטע כייער-ציגגלעך ארומגעבלאנקעט. בער האט מיט זיין שטארקער שטים א געשריי געגעבען איבערן גאנצען פלאץ: „אלעקסיי א הא! און תיכף פלעגט זיך בעוויזען א גוי אין אנ'אויסגעקראכענעם פעלצעל מיט א בלייכען פערשלאפענעם געזיכט און מיט הכנעה א זאג געגעבען: „גוט'ן אבענד, סוחר!"

און אז בער פלעגט ארונטערגעהן אין הארן-קעלער, איז וועלוויל ביים ברענענדיגען הארן געבליבען זיצען און מיט א מאדנע נייגעריגקייט געקוקט אויף די פלאמען: דא זוניג-העלע, דא רויטע און דא רויכער-דיג-פערשטיקטע, וואס האבען זיך געצויגען ארויף, געשלייגעלט פון דער טיעף פון הארן.

איינמאל ביינאכט האט וועלוויל'ן עפיס פון שלאף אויפגעוועקט. אין שטוב איז געווען ליכטיג, דער טאטע איז אין די אונטער-וועש אויפ'ן בעט געזעסען בלייך אויפגערעגט און גערעדט מיט כעס, מאכענדיג מיט די פויסטען, די מאמע האט דעם קאפ אין קישען געטולעט און איינגעהאלטען געשלוכצט. פון טאטענס שמועס איז איהם מיט אמאל קלאהר געווארען א זאך, וואס האט איהם מאדנע שווער געמאכט:

חײקעל, דאָס שטילע װערימ'ל, האָט בײם טאַטען די צינגעלניע צוגע־נומען, די צינגעלניע איז שױן חײקעל'ס...

די לאָמפּ איז אױפ'ן טיש געשטאַנען און אָנגעפילט די שטוב מיט א טרױעריגער ליכטיגקײט, װעלװיל האָט שױן נישט געקאָנט אײנ־שלאָפן, עס איז איהם הײס געװען, די קאָלדרע האָט איהם געבּרענט און ער האָט איהר פון זיך אַרונטערגעריסען. א װײלע האָט ער געפּרובט אײנדרימלען און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער טאַטע האָט אָנגעכאַפּט ר' חײקלען פאַר'ן גאַרגעל און טרײסעלט איהם אין דער לופטען, װי דעם קודלעיװאַטען זשוק. די מאַמע לאָזט איהם נישט, רײסט איהם בײם אַרבּעל און װײנט.

ערשט אױפ'ן פריהמאָרגען איז װעלװיל אײנגעשלאָפען. װען ער האָט זיך אױפגעכאַפּט זענען בײדע אי דער טאַטע, אי די מאַמע געװען אין שטוב; װעלװיל האָט געדענקט דעם שמועס פון בײנאַכט און, אָנטהױענדיג זיך און געהענדיג זיך װאַשען, האָט ער זיך געהיט נישט צו מאַכען אַנ'איבּעריגע בּעװעגונג... פון דער זײט האָט ער זיך צוגע־קוקט און געזעהען, אַז די עלטערען האָבּען זיך שטאַרק געענדערט: דער טאַטע איז אײנגאַנצען פּנים אַראָב, די אױגען טיעף פערזונקען, געהט אום הין און צוריק אין טלית און תפילין, זײנע ליפּען שאָקלען זיך שטיל, קענטיג אָבּער, אַז זײן הארץ איז װײט פון די הײליגע װערטער, װאָס ער שעפּטשעט אױס רגילות. דערפאַר איז אָבּער דער מאַמעס געזיכט, װי זי װאָלט גאָט'ס משפּט פאַר ליעב אָנגענומען, כמעט װי ליכטיג און רוהיג געװען: שטיל אָהן װערטער האָט זי גע־לעגט אַ װײס טישטוכ'ל אױף אַ בּרעג טיש און פאַר'ן טאַטען צום טיש דערלאַנגט.

דער טאַטע האָט דעם טלית און תפילין צונױפגעלעגט, פערחמו־רעט צוקוקענדיג צו דער מאַמען און דער נאָך געפרעגט:

— חנה! װעט דאָס חײקלען אָבגעהן גלאַט?

— ער װעט האָבּען זײן מפּלה פון גאָטס האַנד!... האָט חנה בּערוהיגענד געענטפערט.

װען חנה איז אַװעק אין גאַס, זענען װעלװיל מיט'ן טאַטען אױג אױף אױג בײם טיש געבּליבּען. װעלװיל האָט זיך די גאַנצע צײט פון עסען, װי מיט'ן בּיסען געװאָרגען און געהײלט פון שטוב אַװעקצוגעהן.

—בּלײב הײנט אין דערהײם!—האָט איהם בּער מיט א פערשטיקט קול געזאָגט, װען װעלװיל האָט זיך אָנגעהױבּען פערנעהמען אין חדר.

וועלוויל איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב.

— קום אהער! — האט איהם בער ווייך גערופען. וועלוויל איז צו איהם צוגעגאנגען. בער האט איהם ביידע הענד אויף זיינע אקסלען ארויפגעלעגט און מיט א הארציגקייט, וואס איז וועלווילען פרעמד געווען, האט ער א זאג געטהון:

— זוהנעלע!

מעהר רעדען האט ער נישט געקאנט, וועהטאגדיג האט ער א שאקעל געגעבען מיט דער האנד און אנגעהויבען העפטיג היין און צוריק איבער'ן שטוב אומצוגעהן.

פארנאכט האט בער זיך אנגעהויבען צו פאקען און, ווען ער איז אויף א ווייל ארויס פון שטוב, האט חנה אויסגעבראכען אין א געוויין און ארויפגעפאלען וועלווילען אויפ'ן האלז:

— דער טאטע, אונזער קרוין, פאהרט אוועק!...

ביים לעצטען אבענד-ברויט זענען טאטע-מאמע אין ווינקעל פון טיש נעהנטער, ווי געוועהנליך, געזעסען איינס נעבען אנדערען, חנה האט איהרע אויגען פון בער'ן נישט ארונטערגענומען.

פלוצלינג האט זיך בער געזעגנט צו וועלווילען:

— קינד! איך פאהר אוועק. זיי נעבען דער מאמען, פאלג איהר און פערלאז איהר נישט!

חנה האט דעם קאפ אראבגעלאזט. וועלוויל האט דערפיהלט, אז די אויגען ווערען איהם פייכט און עס איז איהם געווארען ענג אין הארצען. דער טאטע האט זיך פון טיש אויפגעהויבען און גענומען ארומגעהן איבערן שטוב פון איין ווינקעל אין צווייטען, ווי ער וואלט מיט יעדען פוס-טריט זיך מיט דער שטוב געזעגענען. די מאמע האט אין זיך געשטיקט דאס געוויין, די אקסלען האבען איהר געציטערט און, ווי א קליין קינד איז זי צוגעפאלען צום טאטען, וואס איז געבליבען שטעהן צורודערט-שווייגענדיג און אונבעוועגליך. ווען דער טאטע האט שפעטער וועלווילען פעסט ארומגענומען און געדריקט צו זיך, איז איהם אין קאפ, ווי א נעבעל געווען: ער האט נאר קוים בעוויזען צו חאפען א בליק אויף זיין טאטענס רוקען אין חלל פון דער אפענער טהיר. דערנאך איז ער אין א ווינקעל, ווי א פעריאגט חיה'לע, נעבליבען זיצען מיעד און בעטריבט און אזוי איינגעדרימעלט.

II

זינט דער טאַטע איז אַוועקגעפאָהרען, האָט וועלוויל אויפגעהערט געהן אין חדר. די ערשטע וואָך איז ער פון שטוב נישט אַרויס און קיינער פון די חברים איז אויך צו איהם נישט געקומען; די מאַמע איז די גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שאָטען און דורך די נעכט אַ וואַכענדיגע מיט צוגעשלאָסענע אויגען זיך געוואַלגערט אויף איהר געלעגער. אין שטוב האָט זיך דערשפירט אַ מאָדנע פוסטקייט: די שכנות, מיט די פערפלאַמטע געזיכטער פון קיך-פייער, מיט די פערשמוצטע אַרבעל און שירצען, וואָס פלעגען צעהן מאָל אַ טאָג לויפען צו זיי אויף און אָב, — זענען ערגיץ מיט אַמאָל אויסגערונען געוואָרען. אַפילו די שאַפע מיט די גלעזערנע שויבען, פון וועלכער עס האָט תמיד פריינדליך אַרויסגעוואונקען וועלוולען פערשידענע גוטע זאַכען, האָט אויך איהר גאַנצען חן און גבירישע ברייטקייט ביי איהם אין די אויגען פערלאָרען; ביים עסען פלעגט ער מיט דער מאַמע זיך שעמען קוקען איינע די אַנדערע אין די אויגען. נאָך שווערער און דריקענדער האָבען זיך אויף וועלוויל'ס נשמה די טונקעלע פאַרנאַכטען אַרויפגעלעגט: די מאַמע האָט דאָס נאַפט-לעמפיל שפעטער ווי שטענדיג אָנגעצונדען, מייסטענס פלעגט זי זיך פערטולען אין אַ ווינקעל אין דער פינסטער און שווייגען, נאָר פון צייט צו צייט דעם קאָפ אויפהויבען און מיט אַ שוואַכער שטים זיך ערקונדיגען: וועלוויל! דו ביזט דאָ?

אויף דער צווייטער וואָך זענען די זילבערנע לייכטער פון שטוב ערגיץ פערשוואונדען. ערשט איז וועלוולען קלאָר געוואָרען, וואָס דאָ קומט-פאָר — און ער האָט איינגעזעהן, אַז, זיצענדיג אין שטוב, וועט ער גאָרנישט קענען העלפען דער מאַמען. מ'מוז אַרויס אין גאַס, אפשר וועט זיך איהם טרעפען אַ גליק, אפשר וועט ער גאָר אַ פעקיל גרינע פאַפירלעך געפינען...

איינמאָל נאָך מיטאָג האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב. איבער די שטאָדטישע גאַסען האָט ער זיך געשעמט געהן, איז ער אַוועק הינטער דער שטאָדט, איבער'ן וועג, וואו ער פלעגט אַזוי אָפט געהן צוזאַמען מיט'ן טאַטען. ער איז צו דעם אייזערנעם בריק אַריבערגעקומען און עס האָבען זיך פאַר איהם אויסגעשפרייט די ווייטע בערגפעלדער מיט די טיעפע און געהיימע גראָבענס. דאָרטען האָט ער אויך דערזעהן קנוילען רויך, שוואַרצע און געדיכטע, פון דער ציגעלניע און

ער איז שווייגענדיג אוועק איבער'ן שטעזשקעלע, וואס פיהרט אהין. דאס הארץ האט איהם שרעקעדיג געקלאפט: וואוהין געהט ער? די ציגעלגיע איז דאך שוין חייקילס!... דאך איז ער געגאנגען: איהם האט זיך נאך אמאל געוואלט א קוק טהון אויף דעם הארן און אויף די פיידלעך, אונטער וועלכע עס טריקענען זיך רייהען ציגעל; ער האט געוואלט טרעפען אלעקסיי'ען און זשוק'ן: אז זיי וועלען איהם דערזעהען, וועט זשוק דרעהען מיט'ן עק און קוקען אויף איהם מיט זיינע גרויסע ברוינע, פערשטענדיגע אויגען און אלעקסיי וועט שטיל שאקלען מיט'ן קאפ און זאגען: אט וואס ס'טהוט זיך אויף דער וועלט!...

וועלוויל'ס אויגען זענען פערלאפען אזוי ווי מיט א טוי; אויף די ווייטע פעלדער האבען אנגעהויבען איבערלויפען שווארצע שאטענס, ער האט זיך אראבגעלאזט אויף א גראז-בערגעל און איהם האט זיך אנגעהויבען דאכטען, אז דאס איז נאר אינגאנצען נישט מעהר ווי א חלום: דער טאטע איז גארנישט אוועקגעפאהרען, ער איז נאר אבגעגאנגען פאראוים און ער דארף נאר א ביסעל אנשטרענגען זיינע מידע פים, ווי ער וועט איהם געווים דעריאגען... באלד אבער האט זיך דערהערט א לאקאמאטיוו-סיגנאל פון וואלד ארוים, וואס הינטער די בערג; דערנאך האט א רויטע שארפע ליכט פון די פייערדיגע צוג-אויגען אין דער פינסטערער נאכט זיך אריינגעריבען. די רעלסען האבען גענומען ציטערן מיט א דינעם שטאהלענעם אבקלאנג אין דער שטילער לופט— און באלד איז א צוג מיט העל בעלויכטענע וואגאנעם דורכגעלאפען, און וועלכענס פענסטער עס זענען מענשען געשטאנען... א פראסטיגער ציטער האט וועלוועלען דורכגענומען: אזא צוג, געווים, האט זיין טאטען אהין, אין דער גרויסער וועלט, אוועקגעפיהרט, אויך אין אזא צוג וועט ער מיט דער מאמען צום טאטען אין דער נייער היים פאהרען...

אהיים איז ער שפעט אין דער נאכט געקומען, די מאמע האט זיך בעאונרוהיגט און געפרעגט: וואו ביזטו, וועלוועלע, געווען? ער האט איהר עפים געענטפערט, אליין נישט וויסענדיג וואס.

פון דעמאלט איז ער טאג-טעגליך, ווען עס פלעגט איהם ענג ווערען אין שטוב, אהין הינטער דער שטאדט אוועק.

איינמאל האט ער נאהנט פון דער ציגעלניע זשוק'ן בעמערקט, ער האט צו איהם א שמוצער געטהון, איז זשוק צו איהם צוגעלאפען, א שפרונג געטהון אויף איהם און גענומען לעקען די הענד און דאס געזיכט; א צייט לאנג האבען זיי נאכדעם ארומגעשפאצירט אויף די

שמאָלע װעגלעך צװישען הױכען קאָרן. ערשט װען עס איז רעכט טונקעל געװאָרען, און װעלװיל האָט זיך אין דערהײם דערמאָנט, — האָט ער זשוק'ן אין ציגעלניע אַבגעלאָזט.

אױף אײנעם אַזאַ שפּאַציר=גאַנג שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג האָט װעלװיל אומגעריכט אָנגעטראָפען ר' חײַקלען. ער האָט געטראָגען דעם פּאַלטא אױף די אַקסלען און אונטער'ן אָרעם — אַ גרויסען און לאַנגען רעכען=בוך; אױפ'ן קאָפּ איז בײַ איהם געװעזען אַ היטעל מיט אַ ברײטער דענקע און אױפ'ן האַלז — אַ רױט טיכעל. זײַן אױסגעװײקט פּנים, מיט די גרױסע ברעמען אונטער דעם צוקנײטשטען שטערען, מיט דער לאַנגער צוגעקעמטער פלאַקסענער באָרד, האָט פרום געלױכטען:

— אַ, דוכט זיך, װעלװעלע! װאָס מאַכסטו עפּיס?

אַ ציטער האָט װעלװלען דורכגענומען, װען ר' חײַקעל האָט איהם מיט זײַן װײכער האַריגער האַנד אַ גלעט געטהון; אַ בײז געפיהל האָט זיך דערװעקט בײַ איהם אין האַרצען, זעהענדיג ר' חײַקילס פרומען פּנים און זײַן לאַנגען רעכען=בוך מיט די חשבונות, װעגען װעלכע דער טאַטע פלעגט אָפט מיט אַזאַ כעס רעדען...

— װעלװילע! — האָט זיך חײַקעל צו איהם געװענדעט, — װאָס װעט זײַן דער תּכלית, אַז דו װעסט זיך אַזױ אַרומדרעהען שלינג און שלאַנג? אין חדר, װי איך זעה, געהסטו נישט, קום צו מיר אין ציגעלניע אַרײַן, װעסטו מיר אַכטונג געבען אױף די אַרבײַטער, אַרױסלאָזען פיהרען, פערצײַכענען די „סטאַװקעס”, איך װעל, חס וחלילה, נישט פאַרלאַנגען דאָס אומזיסט, כ'װעל דיר געבען דרײַ רובל אַ װאָך, נו, װאָס זאָגסטו, װעלװילע, אַ?

װעלװיל האָט געשװיגען.

— נו, װאָס ענפערסטו, װעלװעלע? — האָט איהם ר' חײַקעל נאָך װײכער געפרעגט.

— איך װעל זאָגען דער מאַמען! — האָט װעלװיל פינסטער געענטפערט.

— אַדרבא, זאָג איהר, דײַן מאַמע איז אַ קלוגע יודענע, זי װעט דיך נישט אָברעדען, זי װײסט, אַז איך בין אײַך, חס ושלום, קײן שונא נישט!

װען װעלװיל האָט װעגען דעם דערצעהלט דער מאַמען, האָט זי זיך ביטער צעװײנט, נאָר בערוהיגענדיג זיך אַ ביסעל, האָט זי שטיל געזאָגט:

— טהו, ווי דו ווילסט, וועלוועלע! עס איז שוין נישטא, וואס צו פערזעצען, און פון טאטען איז נאך אלץ קיין בריעף נישטא! — אויף מארגען איז וועלוויל אנגעקומען אין ציגעלניע.

III

וועלוויל האט זיך ארויסגעוויזען פאר זעהר פעהיג אין זיין זאך: באלד, ווי ער איז אנגעקומען אין דער ציגעלניע, איז ער געווארען אין איהר דער גאנצער בעל-הבית. דער פערשלאפענער און דערשלאגענער אלעקסיי האט אין איהם גלייך דערקענט זיין פריהערדיגען שטרענגען „קופיעץ“ און האט פאר איהם געציטערט ווי א בלאט. אין די פריהמאר-גענס, ווען צעהנדליגער פוהרען פלעגען קומען אננעהמען ציגעל, האט זיך איבערן גאנצען פלאץ געהערט וועלוויל'ס מענערשע, בעפעהלענדע שטים — און אלטע פויערען האבען שטיל געפאלגט דעם „יונגען סוחר“, געדולדיג געווארט אין דער רייהע און גענומען, וואס וועלוויל האט זיי אנגעוויזען. פלעגט זיך צווישען צוויי אננעהמער מאכען עפים א סכסוך, פלעגען זיי זיך ווענדען צום „יונגען קופיעץ“, ער זאל זיי פערגלייכען, און זיין ווארט איז געווען פאר זיי א געזעץ.

ר' חייקעל פלעגט אפט שטעהן ביים הארן, בגנבה נאכקוקען נאך בער'ס יונגעל און קלייבען נחת פון איהם און שטארק הנאה האבען, וואס ער האט איהם צוגענומען: ראשית, האט ער פון איהם אזא נוץ, שנית, האט ער בייזע ציינגער פערשטאפט דאס מויל, זאל מען נישט זאגען, אז ער האט א מענשען אבגעקוילעט: ער גיט דאך בער'ס פא-מיליע אויף לעבען...

און איז דער ערשטער טומעל פון די פוהרען איבערגעגאנגען, פלעגט וועלוויל בהרחבה'דיג, ווי אין די אמאליגע גוטע יאהרען, נעה-מען ארומשפאציערען איבער דער ציגעלניע פון איין בנין צום אנדערען, פון איין ווינקעל אין צווייטען: אלס איז איהם משונה-ליעב געווען. אין דער גאנצער ציגעלניע איז נישט קיין איין ציגעל געווען, קיין איין שייט-האלץ, וואס איז נישט איינגעמויערט און אויפגעבויט געווארען דורך זיין טאטען, און אפט, אזוי ארומבלאנקענדיג זיך און צוקוקענדיג זיך צו אלעם, — האט ער ערשט אנגעהויבען איינזעהן קלאהר, ווי גרוים דער אומגליק איז, וואס האט מיט זיי פאסירט; די ציגעלניע איז דאך זיין

טאַטענס: פאַרוואָס=זשע איז ער פון איהר פערטריבען געוואָרען? ער דאַרף דאָך דאָ גאָר זיין דער אמת'ער בעל=הבית און נישט חייקעל! ער פלעגט דאַן קריצען מיט די צייהן, בעגיסען זיך מיט טרערען — און אָפט פלעגט ער פון כעס איבערקערען א טאַטשקע מיט ציגעל, וואַרפען, שליידערען און ברעכען אַלץ וואָס איז איהם פאַר די אויגען געקומען.

איינמאָל, אין א מינוט פון אַזאַ צושטאַנד, האָט ער בעמערקט, ווי זשוק דרעהט מיט'ן ווידעל און שפּרינגט אויף חייקלען מיט די זעלבע הינטישע העוויות, מיט דער זעלבער הינטישער טרייהייט, ווי אויף זיין טאַטען און אויף איהם, — און ער איז אויפגעקאָכט געוואָרען, ער האָט זיך געפיהלט, ווי א שלאַנג וואָלט איהם א ביס געטון; תיכף אָבער האָט ער זיך בערוהיגט: ער וועט זיך מיט זשוק'ן אָברעכענען, ער וועט איהם שוין ווייזען, ווי צו דרעהען מיט'ן ווידעל היינט פאַר דעם און מאָרגען — פאַר יענעם. ביי וועלוועלען אין געדאַנק איז פערטיג געוואָרען א פלאַן — און א בייז פייערל האָט זיך אין זיינע אויגען אָנגעצונדען... א שאַרפע משונה'דיגע הנאה האָט ער דערשפירט, פאַרשטעלענדיג זיך, ווי ער וועט נקמה נעמען אין זשוק'ן. דעם גאַנצען טאָג האָט ער זיך מיט דעם געדאַנק אַרומגעטראָגען, ווי מיט א טייערן סוד, איז מיט איהם פערנומען און גליקליך געווען, און פאַרנאַכט, ווען אויפ'ן פלאַץ איז שטיל געוואָרען, ר' חייקעל איז אין שטאָדט אַוועק און אַלעקסיי האָט זיך אין האָרן=ביידעל אויסגעצויגען און געשמאַק געחראָפּעט, האָט וועלוויל אויפגעזוכט א דעמבענעם שייט האָלץ, אויסמערקזאַם איהם בעטראַכט פון אַלע זייטען, וועלכען עק עס איז בעסער אין האַנד צו האַלטען און מיט וועלכען איז בעסער א קלאַפּ אַראָבצולאָזען; נאָכדעם האָט ער מיט א פרעהליכען און קלאַפּעדיגען האַרצען איבער'ן גאַנצען פלאַץ א שמוצער געטון: זשוק! זשוק איז גלייך צוגעלאָפען און גענומען לעקען ביי איהם די הענד. וועלוויל האָט זיין הינטישע צורה מיט פעראַכטונג פון זיך אָבגעשטויסען און איז אַוועק מיט איהם הינטער די ציגעלניע, נעבען די טיעפע ליים=גריבער, מיט די מילך=בוטנע וואַסערען. ביים ברעג פון איינער אַזאַ גרוב האָט ער זיך אָבגעשטעלט, האָט א וואונק געגעבען זשוק'ן און גערעדט מיט א גיפטיג און פערשטיקטען קול: „קום נאָר אַהער, דו כלב איינער!" און ווי זשוק איז צו איהם צוגעגאַנגען, האָט ער איהם מיט'ן דעמבענעם שייט=האָלץ איבער'ן קאָפּ דערלאַנגט. זשוק האָט נישט בעוויזען אפילו א געשרי

צו געבען און ער האָט שוין, קאָפּ אַראָב און פּיִם אַרויף, זיך געדרעהט אין דער לופט און אין דער לייִמענער גרוב אַראָב.

וועלוויל האָט טיִעף אָבגעאָטעמט און, ניִשט אומקוקענדיג זיך צוריק, איז ער אוועק אין ציִגעלניע. אויפ'ן פּלאַץ איז געווען שטיל, עס האָט שוין אָנגעהויבען פיִנסטער ווערען, די פּוסגעהער אויף די ווייטע בערג־שטעגליך האָבען זיך שוין צוזאַמענגעאָסען מיִט די שאָטענס און מיִט די איינזאַמע פעלד־קוסטעס — און עס איז שוין געווען אונמעגליך זיי איינע פון די אַנדערע אונטערצושיידען. וועלוויל איז לאַנגזאַם און נאָכדענקענד מיִט שווערע טריט איבער'ן פּלאַץ נאָך לאַנג אַרומגעגאַנגען. ער האָט זיך אָן זיין טאַטען דערמאָנט און אָן די לעצטע שמועסען פאַר זיין אַוועקפאָהר — און מיִט זיין גאַנצער נשמה האָט ער דערפיִהלט, אַז דאָ איז אַ שרעקליכער אומרעכט געשעהן... יעדעס וויִנקעלע, יעדער ציִגעל פון דער נחלה, יעדער גוי, וואָס ציהט דאָס היִטעל מיִט אַזוי פיִעל דרך־ארץ פאַר איהם, בערקאָ'ס זוהן, — זאָגען עדות, אַז די ציִגעלניע איז דעם טאַטענס און ער דאַרף דאָ זיין און ניִשט חייקעל, פון וועלכען אַלע פויערען לאַכען און קריִמען־איבער זיינע לומדיִשע תנועות און גוי'יִש רעדען... און אַ געוואַלדיגע שנאה האָט איבערגעפולט וועלוויל'ס הארץ צו חייקלען, וואָס רעדט מיִט איהם שטענדיג מיִט אַזוינע פרומע און גוטע ריידעליך: מיִט אַזוינע רייד האָט ער, אודאי, יאָהרען־לאַנג גערעדט מיִט זיין טאַטען, וואָס פלעגט ביי איהם אָפט לייהען געלד, און גענאַרט איהם, פערדרעהט די רעכנונגען און אויף אַזאַ אופן אַרויסגעטריבען איהם פון ציִגעלניע...

און אומגעריכט איז אַ געדאַנק דורכגעלאָפען אין וועלוויל'ס קאָפּ, וואָס האָט איהם ווי פערשכור'ט און אָנגעפיִלט מיִט אַ שאַרפער ווילדער פרייד. פרעהליך און מונטער איז ער אוועק אַהיים, צוזינגענדיג איבער'ן וועג — און מיִט אַ פערפלאַמטען געזיכט און מיִט שיינענדיגע אויגען איז ער אַריינגעפאַלען צו דער מאַמען אין הויז.

ער האָט זיך געזעצט צום טיִש, נאָר קיין עסען איז איהם ניִשט אָנגעגאַנגען: זיין קאָפּ און הארץ זענען געווען איבערגעפולט און ער האָט ניִשט געקאָנט אָבהאַלטען זיך פון ניִשט אַ זאָג טהון צו דער מוטער:

— איז דאָס היינט געווען פרעהליך אין ציִגעלניע!...

— וואָס איז געווען דאָרט די פרייד? — האָט חנה כלומרש'ט רוהיג און פעראינטערעסירט געפרעגט, האָט זיך פערחמורעט און געקלערט: אַ קינד בלייבט אַ קינד!...

וועלוויל האט א ווײַלע געשוויגען און דערנאך שטיל געזאגט:

— איין האר האט געפעהלט, חײַקעל זאל ארײַנפאלען אין הארן און פערברענט ווערען!...

ער האט גערעדט גלאַסען און נאכגעקוקט, וואס פאר א רושם זײַנע ווערטער וועלען מאכען אויף דער מאמען.

— אוי ווערה! — האט זיך בײַ חנה'ן פון מויל א הערצליכער געשריי ארויסגעריסען,

— דיך וואלט עס געווען געאהרט? — האט וועלוויל אפען געפרעגט.

— שווײַג שוין בעסער, נאריש קינד, אזא זאך טאר מען אפילו דעם גרעסטען שונא נישט ווינשען.

מעהר רעדען וועגען דעם מיט דער מאמען האט זיך וועלוולען נישט געוואלט: ער האט זיך באלד געלעגט שלאפען מיט'ן געדאנק צו אויסבעהאלטען די זאך פון דער מוטער...

IV

קיינמאל האט וועלוויל נישט געארבײַט מיט אזא חשק אויפ'ן פלאץ, קיינמאל איז ער נישט געווען אזוי אויפמערקזאם צו ר' חײַקלען, ווי אין דעם לעצטען פריהמארגען; אנשטאט אויסצומײַדען, ווי אלע מאל פרעגען איהם צופיעל שאלות, איז ער דאס מאל אפט געגאנגען צו ר' חײַקלען און זיך געהאלטען מיט איהם אנ'עצה: וועלכע ציגעל שיקען צום פאדריאדטשיק? צי די רויטע איבערגעברענטע? צי די טרוקענע, שטײַפע און ווײַסע ציגעל? ר' חײַקעל האט געמיטליך געגלעט די באָרד, געקנײַטשט דעם שטערן און צוגעלאזט, מעשה זײַנס־גלײַכען, געקוקט אין וועלוויל'ס יונגען אבגעברענטען געזיכט און געטענה'ט:

— דאס איז טאקע א שכל'דיגע שאלה! גוט, וואס דיר איז עס, וועלוועלע, אײַנגעפאלען!

און אזוי טענה'נדיג און טראכטענדיג צוזאמען, האט ער זײַן באָרד אין מויל געקײַט, און דערווײַל איז וועלוויל געשטאנען אן א זײַט און בײַזוויליג געטראכט:

— וואו וועסטו מארגען זײַן?

חײַקעל האָט זײַן באָרד פון מויל אַרויסגעלאָזט און געזאָגט :

— דעם ערשטען טראַנספּאָרט גיעב ווײַסע, פערשטעהסטו, אין דער פריה איז ער אַלײן פערהאַן, שפּעטער אָבער מאַכט שוין נישט אוים !...

— גוט !—האָט וועלוויל קורץ געזאָגט, און איז אַוועק צו די פּוה־רען.

אין די שפּעטערע נאָכמיטאָג־שעה'ן איז וועלוויל אונרוהיג געוואָרען, ער האָט מיט טרויער געטראַכט, אַז ער איז שוין דאָ אין ציגעל־ניע צום לעצטען מאָל, אַפילו נאָהענט צו איהר צוגעהן וועט ער מעהר שוין נישט קענען, ער וועט ווײַטער אומגעהן פּוסט און פּאַס און דער מאַמען וועלען די פּאָר רובעל שבירות פעהלען ; אָבער וואָס זאָל ער טהון, אַז ער קען פּאָרט נישט אָנקוקען חײַקעל'ס גנב'ישע צורה און אויסהערען זײַנע רעד, וואָס גראַבלען איהם איבערן האַרצען ? ער איז פון אײן בנין צום אַנדערן אומגעגאַנגען, אָנגעקוקט די האַלב־קײַלעכדיגע וועגד־קלעצער און צו ענדע איז ער אַוועק צו די לײם־גריבער ; זשוק'ן האָט מען שוין נישט געזעהען מעהר אויף דער אויבער־פלעכע און די גרויע מוטנע פליסיגקײַט האָט אַ טונקעל־געבליכען אָבשײַן בעקומען.

פאַרנאַכט האָט וועלוויל צו...מען מיט די טאָג־אַרבײַטער זיך גע־נומען קלײַבען אַהײם ; פאַר'ן אַוועקגיעהן איז ער צוגעגאַנגען צו חײַקלען און איהם געפרעגט :

— הײַנטיגע נאַכט וועט איהר זײַן אין ציגעלניע ?

חײַקעל האָט איהם פרײַנדליך געענטפערט :

— ווי דען, וועלוועלע ? הײַנט טאָר מען דעם האָרן אַלײן נישט לאָזען, געה זיך. געזונטערהײד, אַהײם, איך וועל שוין אַלײן דאָ אַלץ צוגרײַטען.

שנעל איז וועלוויל אַהײם געגאַנגען, און אײן געדאַנק האָט גע־לויערט בײַ איהם אין קאָפּ : הײַנט בײַנאַכט וועט ער זיך אונטער'גנב'נען צו חײַקלען, ווען ער וועט שטעהן איבערן האָרן, און איהם אין פײַער אַרײַנוואַרפען, קײן האָהן וועט אַפילו נישט אַ קרעה טהון !

בײַ דער וועטשערע האָט ער מיט דער מאַמען קײן וואָרט נישט גערעדט, און באַלד נאָכ'ן עסען האָט ער זיך גלײַך געלעגט שלאָפען. ער איז לאַנג געלעגען אַ וואַכענדיגער מיט צוגעמאַכטע אויגען און גע־הערט, ווי די מאַמע איז איבער דער שטוב אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. ער האָט געפיהלט, ווי זי האָט איהם פאָרזיכטיג אײַנ־

געדעקט און פערנומען איהרען א שטילען , פערשטיקטען זיפץ . זיין הארץ האט זיך צוזאמענגעדריקט פון וועהטאג : ווען זי וואלט וויסען , וואס ער וועט היינט אבטהון ?

ביסלעכווייז איז איהם בעפאלען א שלעפערדיגע מידקייט , און מיט דעם אנגעשטרענגטען געדאנק אויפצושטעהן אין צוויי שעה ארום . ווען די מאמע וועט שלאפען , איז ער אנדרעמילט געווארען . און ער האט זיך ווירקליך אויפגעכאפט צו דער בעשטימטער צייט . אין שטוב איז שוין געווען פינסטער , די מאמע איז געלעגען צונויפגעדרעהט , ווי א קנויל אויף איהר געלעגער , און עס האבען זיך נאר געהערט איהרע קורצע , גיכע אטעם-צוגען .

פארזיכטיג און שטיל ווי א גנב האט ער זיך אנגעטהון און איז ארויס פון שטוב ; די טהיר האט א לייכטען סקריפ געגעבען , ווען ער האט זי הינטער זיך צוגעמאכט , קיינער אבער , אויסער איהם , האט עס נישט געהערט .

עס איז געווען א ווארימע , טונקעלע און אויסגעשטערנטע נאכט . די טויערען און די לאדענס פון די הייזער זענען געווען צוגעמאכט ; קיין לעבעדיגען נפש איז נישט געווען צו זעהען אויף דער גאס . אויפ'ן וועג האט ער אויפגעהויבען א שטעקען און מיט א פינסטערען , רוהיגען , ענטשלאסענעם געמיט , איז ער אוועק דורך דער מיהל-גאס צו דער ציגעלניע .

ער איז געגאנגען אליין אין דער פינסטערער נאכט איבער'ן וועג צווישען די שווארצע פעלדער-בערג און איין טונקעלער פערלאנג האט אנגעפולט זיין הארץ : פערברענען , אונטערצינדען און מאכען א סוף פון חייקלען מיט דער גאנצער ציגעלניע . ער האט גארנישט געפיהלט , ווי ער איז צוגעקומען צום פלאץ און אונגעריכט האט ער אנגעטראפען חייקלען . ער איז געבליבען פאר איהם שטעהן פערבליפט .

— וואס טהוסטו דא , וועלוויל ?—האט איהם חייקעל האסטיג געפרעגט .

וועלוויל האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און פאר'ן רויטען ליכט פון הארן האט ער דערזעהען חייקעל'ס בלייכען , איבערגעשראקענעם געזיכט . ביי וועלוולען האט זיך עפעס אין הארצען אבגעריסען און דער שטעקען האט זיך פון האנד ארויסגעגליטשט .

— איך בין געקומען . . . האט ער געשטאמעלט און נישט געקענט קוקען חייקלען אין די אויגען .

— געה א היים, װעלװעלע, װעסט זיך נאך צוקיהלען! — האט חײקעל געזאגט און צוגעברומט: נו, א בעלנות!

װעלװיל איז א װײַלע געשטאנען, און נישט זאגענדיג מעהר א װארט, האט ער זיך אומגעקעהרט א היים. װען ער איז אויפ'ן פעלד ארויסגעקומען, האט ער זיך אויף דער ערד ארונטערגעלאזט און זיך שטארק צוהליפעט; װען די ערשטע טרערען־ספאזמען האבען איהם אבגעלאזט, האט ער זיך מיט'ן װעג אין שטאדט געלאזען. אין שטוב האט ער דעם לאמפ געטראפען ברענען, די מאמע איז א צוטראגענע אין איהר אונטער־קלײדיל איהם אנטקעגען געלאפען:

— װאו ביזטו געװען, װעלװעלע?

ער האט נישט געענטפערט, ער האט זיך גלײַך גענומען אויסטון און שוין פון בעט ארויס האט ער פעסט ארויסגערעדט:

— מאמע! איך געה נישט מעהר אין ציגעלניע ארײַן!...

— — — — — — — — — — — — —

בילדונגס
קאמיטעט

אפרים קאגאנאווסקי.

רויזשע.

(פון דער סעריע „מיידלעך“).

צו מיין שוועסטער איז כמעט אלע טאג געקומען א מיידעל, איהרע א חבר'טע, און האט געמעגט זיין, ווי אומעטיג אין שטוב — האט זי שטענדיג געפונען זיעלכעס, וואס זאל ביי איהר צו רויסרופען א פרעהליך-קלינגענדיג געלעכטער; און געלאכט האט דאס מיידעל, ווי א זילבערן גלעקעלע...

מיין באבע, וואס איז שטענדיג געזעסען אין א ווינקעל פון אלטקייט און געקוקט מיט איהרע רויטע, ארומגעליאמעוועטע אויגען אויף יעדער בעוועגונג פון דער שטוב, — האט אלע מאל געזאגט אויף דעם מיידעל, אז, ערשטענס, האט זי געמוזט געבוירען ווערען אום פורים, צווייטענס — מוז זי זיין א גרויסער נאר, ווייל א קלוגע קען ניט שטענדיג זיין פרעהליך און האלטען אין איין לאכען...

ווען זי איז געבוירען געווארען—ווייס איך ניט, צי זי איז א נאר, צי זי איז א קלוגע — וועלען מיר שפעטער זעהן; איך ווייס נאר אז זי איז מיר זעהר, זעהר געפעלען און אממיינסטענס איהר לאכען — או', איהר געלעכטעריל: ליכטיג איז אין שטוב געווארען, ווען זי האט געלאכט — או, איהרע שווארצע אויגעלעך מיט די דינע בלוטיגע ליפעלעך, וואס הויבען זיך שנעל, שנעל, רעדען און דערצעהלען, מיט א דין-קלינגענדיג קולעכ'ל, ווי זי וואלט געזונגען...

רעדען מיט מעדלען איז דעמאלט געווען פאר מיר א שווערע זאך, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען עפעס צו ענטפערען א מעדעל איז דאס

געווען פאר מיר עפעס א מין בעזונדערע ארבייט, ענהליך צו דער ארבייט פון ענטפערן מיין רייכער מוהמע, ווען זי פרעגט מיך, וואס איך מאך? און דערלאנגט מיר גלייכצייטיג צום קושן א דיקע, שווערע האנד אין א דינער האלבער הענדשקע...

וואס עס האט אבער צו דעם לאכענדיגן מיידעל רוזשע, האב איך צו איהר געפיהלט א בעזונדערע נאהענטקייט, וואס האט זיך געקענט אויסדריקן אין דערלאנגען איהר א שטוהל, איבערלייגן איהר זשאקעט פון איין ארט אויפ'ן אנדער'ן און נאך אזעלכע זאכען, פון וועלכע איך האב געהאט א מאדנע אונרוהיג פערגעניגען און זי רוזשע, זעהט אויס — א גאנץ קליינעם בעגריף וועגען מיינע געפיהלען צו איהר...

פון א קורצער צייט אבער בין איך געווארען צו איהר גאר נאהענט, און די נאהענטקייט האט זיך גענומען דערפון, וואס זי האט מיר אנגעהויבען צו דערלאנגען איהר האנד ביי איהר קומען און אוועקגעהן; נאר ביי דעם בין איך אבער ניט איינמאל אזוי פערשעמט געבליבען, אז כ'האב געפיהלט ווי א רויטקייט האט זיך צוגאסען איבער מיין פנים. דאס האט זיך גענומען דערפון — וואס כ'האב נאך, זעהט אויס, ניט געקאנט די קונץ פון געבען די האנד, ווייל ווי כ'האב נאר רוזשען דערזעהן אויף דער שוועל, האט זיך שוין אין מיין רעכטער האנד א מאדנע שטייפקייט אריינגעגאסען, און שטענדיג איז מיר אויסגעקומען איהר צו שטעקען די האנד, ווען זי האט זי גאר עמיצען אנדערש דערלאנגט, און ניט איינמאל האב איך צוריקגענומען מיין האנד, אזוי ווי א מין איבעריגע זאך, וואס קיינער וויל זי ניט צונעהמען...

רוזשע האט זיך אבער שטענדיג דערמאנט אין מיר, און צולאכענדיג זיך הויך און קלינגענדיג, מיר דערלאנגט די האנד, זאגענדיג צו מיין שוועסטער:

— א מאדנער יונגעל דיין ברודער, שטענדיג פערגעס איך איהם די האנד צו געבען...

ביי אזעלכע פאלען האט זיך א סך מאל אויסגעלאזט נאך טרויעריגער: כ'האב פונקט עפעס געהאלטען אין דער האנד, און פערגעסענדיג אין דער מינוט וועלכע ס'איז די רעכטע און וועלכע ס'איז די לינקע, האב איך זיך אזוי צומישט, אז איך האב שוין גארניט געוואוסט וואס צו טוהן, ביז וואנען מיין שוועסטער האט זיך אנגערופען:

— לאז איהם אב סט'איהם שוין אנ'אנדערש מאל אבגעבען...

און דעמאָלט העננט שוין מײַן האַנד ווײַטער אין דער לופט, נאָר רוזשע איז שוין ניטאָ, פון אַ צווײַטען ווינקעל הערט זיך שוין איהר קלינגענדיג געלעכטער׳ל...

אײַנמאָל, דאָס איז געווען אין אַ ווינטער־אָווענד, קומט צו געהן רוזשע, די בעקלעך רויט פון קעלט, טרײַסעלט אָב פון זיך דעם שניי, און האָטש ס׳איז אַזוי קאַלט אין דרויסען, און אין שטוב איז שווער און אומעטיג; די באָבע זיצט נעבען אײַנגעהײַצטען אויווען, אײַנגעגנורעט אין אַ גראָבען שפּענצער, וואָס זיצט אויף איהר אַזוי ווי אַ פּעסעל, — איז רוזשע פרעהליך און פלינק אַזוי ווי אַלע מאָל, לויפט אַרום איבער דער שטוב, אַזוי ווי אַ פײַגעלע, און איהר געלעכטער׳ל קלינגט איבער דער שטוב מיט אַזאַ פרעהליכקייט און וואַרעמקייט, אַז איך פערגעס גאָר, אַז אין דרויסען איז קאַלט און שנייאיג. און ווען רוזשע געזעגענט זיך צום אוועקגעהן, פאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק, אַז כ׳זאָל זי געהן אָבפיהרען, „יאָ, כ׳וועל טאַקע אַזוי טאָן! וואָס איז, כ׳בין דען אַ קינד?... ס׳פּאַסט מיר דען ניט אַז כ׳זאָל געהן אָבפיהרען?" און איך רוף מיך אָן:

— כ׳וועל איהן אָבפיהרען אַהיים!

— וואָס? אָבפיהרען אַהיים... חאַ־חאַ־חאַ! נו גוט, וועל איך האָבען אַ קאַוואַליער אויפ׳ן וועג — ענטפערט רוזשע לאַכענדיג! און נעמט מיך אונטער דער האַנד.

האָב איך דאָך אָבער אַ באָבע, וואָס מוז זיך אומעטום אָנרופען, ציעלט זי אָן אויף מיר איהר גאָמבעלע, וואָס זעהט אויס ווי אַ שפּיציג קיזעלשטײַנדעל און רעדט:

— געה, געה, שלימזול, טאָמער דאַרפסטו נאָך דערפרוירען ווערען אויפ׳ן וועג!..

פיהל איך, ווי אַ רויטקייט פערגיעסט מײַנע באַקען, און וועלענדיג גוט אָבענטפערן דער באָבען, זאָג איך שנעל:

— מיר איז וואַרימער ווי דער באָבען!...

רוזשע צוקאָלערט זיך אין אַ קלינגענדיג געלעכטער, און די מאַמע שרײַט פון אַ ווינקעל:

— זאָג נאָר, „קלוגער מענש"! רעד ניט אַנטקעגען דער באָבען! „קלוגער מענש" דאָס איז דער צונאָמען, מיט וועלכען מען רופט

מיך אין שטוב, דעם צונאָמען האָט מיר אויך געגעבען מײַן באָבע, ־טאַטש אַלײַן האָט זי שטענדיג געזאָגט, אַז אין די אויגען טאָר מען קײן קינדער ניט לויבען...

איך האָב זיך אָבער געהאַלטען בײַ דאָס מײַניגע: ס'האָט ניט געהאָלפען, וואָס אַלע האָבען מיך געוואָרענט; אַפילו מײַן שוועסטער האָט שוין אויך אַ זאָג געטהון:

— לאָז אָב, וועסט שוין אַנ'אַנדערש מאָל אָבפיהרען!

נאָר איך האָב קײנעם ניט געהערט, „וואָס בין איך עפּעס אַ קינד?" איך האָב געפיהלט אַז אָט, אָט צעווײַן איך זיך פאַר פערדראָס; נאָר דאָס אײנציגע, וואָס האָט מיך אָבגעהאַלטען איז געווען רוזשע. „אַלע מעגען אָבפיהרען נאָר איך טאָר ניט?" כ'האָב אַ סך גערעדט און אויפגעוויזען, וואָס כ'האָב גערעדט ווײס איך ניט, כ'האָב נאָר געהערט ווי אַלע האָבען געלאַכט, און רוזשעס געלעכטער האָט אַלע איבערגעקלוגגען. כ'האָב שנעל גענומען דעם פּאַלטאָ און אויסגערעכענט, אַז בין דער צײַט זאָל שוין רוזשע האָבען אָנגעטון די קאַלאָשען, איך זאָל קעגען עפענען די טיר, אום זי פריהער אַרויסצולאָזען...

— שלימזול, מאַך צו די טיר! האָסט פערגעסען אַז ס'איז ווינטער? — שרײַט די באָבע.

נו, בין איך שולדיג, אַז רוזשע סוד'עט זיך אַזוי לאַנג מיט מײַן שוועסטער?..

אויף די שטיגען איז פינסטערליך — וואַרט איך, און גיב דעם וועג פריהער רוזשען. איך געה הינטער איהר.

— אַלץ וואָלט געווען גוט, איהר זאָלט מיר ניט טרעטען אויפ'ן קלײדעל, איהר וועט מיר צורײַסען, — רופט זיך אָן רוזשע.

כ'הויב אָן צוגעהן לאַנגזאַמער און שפּרינגענדיג.

— אָט, איהר האָט שוין ווידער אָנגעטראָטען, כ'וועל הײַנט אַראָבפאַלען פון די שטיגען, — צולאַכט זיך רוזשע.

איך לײַד דערפון, נאָר וואָס בין איך שולדיג, אַז רוזשע געהט פריהער פאַר איהר קלײדעל?..

מיר געהען אַרוים אויף דער גאַס.

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז אַ פּײַכטע קעלט, און פונ'ם הימעל שיט זיך לאַנגזאַם אַ קאַלטער נאַסער שניי.

— סע שנייט! — זאָג איך.

— יאַ, זעהט אויס אַז ס'שנייט! — ענטפערט רוזשע, און צו־לאַכט זיך.

„וואָס איז דאָס געלעכטער" — קלער איך — „אודאי שנייט".

נאָר רוזשעס געלעכטער געפעלט מיר שטענדיג — און כ'קלעהר מיר: „ס'איז גאַנץ גוט, אַז אַ מיידעל לאַכט" — אַלע מיידלעך לאַכען, דאַכט זיך, ווען מ'זאָגט זיי עפּעס"...

געהען מיר ווייטער — און פּלוצלינג דערצעהל איך רוזשען, אַז מיר האָבען אַ שכנ'טע, ביילע, און די שכנ'טע ביילע האָט אויך אַ יונגעל אַזוי ווי איך, איז ער דאָס יונגעל, אהרון הייסט ער, טראָגט שוין אַ קאַפּעליוש און געהט אין אַ געשעפט אַריין — איך געה ניט אין קיין געשעפט אַריין, איך וויל זיין אַ סטודענט...—און ער—דאָס יונגעל אהרון, האָט מיר דערצעהלט, אַז ר'האָט שוין אַ כלה און אַלע שבת געהט ער צו דער כלה...

— אוי, אויף מיין וואָרט ר'האָט שוין אַ כלה! — זאָג איך און איך וואַרט, אַז רוזשע זאָל זיך פאַרוואונדערען, וואָס אהרון האָט שוין אַ כלה, נאָר רוזשע לאַכט קלינגענדיג און פרעגט מיך:

— נו, און איהר האָט נאָך ניט קיין כלה?

— ווער, איך? איך האָב ניט קיין כלה! צו וואָס טויג מיר אַ כלה?..

אין אַ מינוט אַרום זאָג איך:

— און נאָך עפּעס האָט ער מיר דערצעהלט.

— וואָס האָט ער אייך נאָך דערצעהלט?

— אוי, ר'האָט מיר דערצעהלט, כ'שעם זיך צו זאָגען!

— וואָס האָט ער דערצעהלט?

און ווען איך זעה, אַז רוזשע לאַכט און איז צופריעדען פון דעם, וואָס איך דערצעהל איהר, ווער איך לעבעדיג און רעד ווייטער:

— חע־חע־חע! ער זאָגט... אַז די מיידלעך האָבען ליעב... ווען מ'גיט זיי אַ קוש... חע־חע־חע! אוי, אויף מיין וואָרט אַזוי דאָס ער געזאָגט... אַז די מיידלעך אַליין ווילען מ'זאָל זיי קושען, חע־חע־חע...

— אַזוי, פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— איך? איך ווייס ניט! ער, אהרון, זאָגט אזוי, ער זאָגט נאָך עפּעס. חע־חע־חע! נאָר איך וועל איהן שוין ניט דערצעהלען.

רוזשע לאַכט, און אָנהאַלטענדיג זיך אָן מיר, זי זאָל זיך ניט אויסגליטשען, זאָגט זי:

— דערצעהלט, דערצעהלט! שעמט זיך ניט!

— אזוי? נו גוט, געה איך איהן דערצעהלען! און כ׳דערצעהל:

— ע — איינמאָל איז ער, אהרון, געגאַנגען צו דער כלה, האָט ער מיר געוויזען, וואָס ער האָט איהר אַוועקגעטראָגען אַ פּרעזענט.

— וואָס האָט ער אַוועקגעטראָגען?

— אוי, ס׳איז ניט שיין, כ׳וועל ניט זאָגען!

— אָדער זאָגט — אָדער דערצעהלט אינגאַנצען ניט! — האָט זיך רוזשע געבּרוגז׳ט.

— אַזוי? טאָ געה איך זאָגען, — חע־חע־חע! ר׳האָט איהר אַוועקגעטראָגען, חע, זאָקען־בּענדליך!

— וואָס האָט ער אַוועקגעטראָגען?

— זאָ — אָ קען־בּענדליך, חע־חע־חע!..

— נו, איז וואָס? — לאַכט רוזשע, — אַ גאַנץ שיינער פּרעזענט; און וואָס וועט איהר קויפען אייער כלה?

— אוי, כ׳ווייס דאָך ניט, וואָס די כלה וועט מיר הייסען, וועל איך קויפען!..

רוזשע לאַכט און איך דערפיהל אויף זיך פּלוצלינג אזוי פיעל זינד פאַר דעם אלעם, וואָס כ׳האָב איהר דערצעהלט און איך רעד אַ סך, און פערענטפער זיך, אז איך בּין גאָרניט שולדיג, אז אלץ איז שולדיג אהרון, אַז ער דערצעהלט מיר אלץ, איך בּין אַ אָרענטליך יונגעל, איך וועל קיינמאָל ניט קושען מיין כלה...

— — — — — — — — — — — — — —

— אָט יעצט, — זאָגט רוזשע, — וועט איהר זיין אזוי גוט אויס־וואַרטען דאָ בּיים טויער אַ פּאָר מינוט, כ׳געה אַרויף צו מיין חבר׳טע, גוט? איהר וועט אויסוואַרטען?

— יאָ, גוט! — זאָג איך — כ׳וועל אויסוואַרטען!

און רוזשע פערשווינדט אין אַ טויער, נעבען וועלכען איך בּלייב שטעהן און וואַרט.

כ׳שטעה שוין אַ פּאָר מינוט, דער נאַסער שניי קלעפּט זיך לאַנג־זאַם צו מיין פּנים, די הענד זענען נאַס און דערפרוירען.

ס׳דאַכט מיר, אַז רוזשע געהט שוין — כ׳הער טריט. ניין! ס׳איז ער סטרוזש, איינגעוויקעלט אין אַ גרויסען פּעלץ, מיט אַ קאָלנער, אַזוי ווי אַ גרויסער ווילד־פערוואַקסענער הונד.

— צו וועמען פרעגסטו זיך? — פרעגט דער סטרוזש.

— כ׳וואַרט דאָ! — זאָג איך.

— אויף וועמען וואַרטסטו?

— כ׳דאַרף דאָ וואַרטען!

— דאָ, — זאָגט ער — איז ניט קיין אָרט צו וואַרטען, וואַרטען — זאָגט ער — וואַרט מען אין גאַרטען.

געה איך אַביסעל אָב פון טויער און וואַרט ביי אַ זייט, הויבט זיך מיר באַלד אָן דאַכטען, אַז רוזשע איז שוין לאַנג דורכגעגאַנגען און איך האָב זי ניט געזעהן.

און נאַסע, קאַלטע שניייעלעך קלעפּען זיך לאַנגזאַם צו דער נאָז, צום האַלז, כ׳פּיהל שוין קיין הענד ניט, קיין פּנים ניט; און רוזשע ווייזט זיך ניט.

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין געשטאַנען נעבען טויער און געוואַרט, איך ווייס נאָר, אַז אין די לעצטע מינוטען איידער ס׳איז פּאָר־געקומען דאָס וואָס איך וויל דערצעהלען, בין איך כמעט אינגאַנצען אַ דערפרוירענער געשטאַנען, מיט אַ צוגעדריקט האַרץ און אַ פערקרימט פּנים. ערשט דעמאָלט האָב איך דערהערט רוזשעס קלינגענדיג געלעכטער׳ל פונ׳ם טויער אַרויס.

יאָ, רוזשע! נאָר מיט וועמען לאַכט זי עס? מיט וועמען רעדט זי עס?

און אָט איז רוזשע דורך פאַר מיר, אַ פלינקע, אַ שפּרינגענדיגע, נאָר ניט אַליין איז זי, נעבען איהר איז אַ יונגערמאַן, רעדט צו איהר און בויגט זיך צו איהר, אָנטוהענדיג אַ הענדשקע...

צום ערשטען דוכט זיך מיר, אַז זיי געהען נאָר בעזונדער, אַז ער האָט גאָרניט קיין אַנהאַנג מיט איהר, נאָר ווען איך זעה, אַז רוזשע איז שוין אַ שטיקעל וועג אָבגעגאַנגען און קוקט זיך ניט אום אויף מיר, טהו איך מיך אַ לאָז צו איהר.

נאָר איידער כ׳קום צו צו איהר, זעה איך, ווי דער יונגערמאַן רופט פון דער צווייטער זייט גאַס אַ שליטעלע...

איך בּין שוין געווען נאָהענט פֿון רוזשען, ווען זי האָט זיך די ערשטע אין שליטעל אַרײַנגעזעצט, דער יונגערמאַן נאָך איהר. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר פֿון פּראָסט האָבּען זיך די ליפּען ניט בּעוועגט, כ'האָבּ זיך נאָר געקענט פֿערקרימען...

און אָט ריהרט זיך דאָס שליטעל פֿונ'ם אָרט.

פֿאַר די אויגען טוט מיר אַ מיש: „איך האָבּ זיך מיט רוזשען ניט געזעגענט!" פֿאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק. איך גיבּ זיך אַ לאָז נאָכ'ן שליטעל און שרײַ:

— אַ גוטע נאַכט רוזשע!

און רוזשע קוקט זיך אום, מיט גרויסע דערשראָקענע אויגען, נאָר בּאַלד צעוויגט זי זיך אין אַ בּרייטען, קלינגענדיגען געלעכטער'ל און ציהט זיך צו מיר ווי אַ פֿייגעלע, נאָר איך וויל זיך נאָר מיט איהר געזעגנען.

— אַ גוטע נאַכט, רוזשע! איך וויל איהר דערלאַנגען די האַנד אויפֿ'ן שליטעל אַרויף, נאָר איך גיבּ זיך קרום אַ גליטש אום אויפֿ'ן שנײַ און כ'דערפֿיהל אַ נאַסע קעלט אין די קניען.

— אַ גוטע נאַכט רוזשע!

נאָר דאָס שליטעל איז שוין ווײַט ווײַט פֿון מיר, און פֿון ווײַטען הער איך רוזשעס געלעכטער'ל, אויסגעמישט מיט דעם קלינגען פֿונ'ם גלעקעלע פֿון שליטעל...

— — — — — — — — — — — — — — —

עטליכע מענשען האָבען מיך אויפֿגעהויבּען, זאָגענדיג, אַז ס'איז מיך שיער איבּערגעפֿאָהרען. איך האָבּ געשמייכעלט און געקלערט, אַז ס'איז ניט שעהן, וואָס כ'האָבּ זיך ניט געזעגנט מיט רוזשען; נאָר דאָך האָט מיך עפּעס אינעווייניג פֿערדראָסען, ווען כ'האָבּ זיך דערמאָנט אָן מײַן חבר אהרון, וואָס איז ניט עלטער פֿון מיר, און איז שוין אַ גאַנצער מענש, טראָגט אַ קעפּעליוש און האָט אַ כלה, און כ'האָבּ פּלוצלינג דערפֿיהלט, אַז איך בּין אַזוי ווײַט פֿון אהרונ'ען, ווי כ'בּין ווײַט פֿון דעם יונגענמאַן, וואָס איז אַזוי פֿלינק מיט רוזשען אויפֿ'ן שליטעל אוועקגעפֿאָהרען...

פֿון יענעם אָבענד אָן איז מיר נמאס געוואָרען מײַן היטעל מיטן לעדערנעם דאַשעק מיט מײַן שמאָלער קינדער-מאַרינאַרקע. כ'האָבּ אַלע מאָל אָנגעמאָסטען אהרונ'ס קאַפּעליוש, זיך געשפּיגעלט, און

ווען רוזשע איז געקומען, האב איך איהר שוין קיין שטודל ניט דערלאנגט, נאר כ׳האב זיך פערדרוקט אין א ווינקעלע און געווארט זי זאל עפעס זאגען צו מיר.

האט זי זיך געווענדעט צו מיר מיט א ווארט, האט מיך א היץ בעשלאגען, אזוי אז כ׳האב שטענדיג געענטפערט אזעלכעס, וועלכעס רוזשע האט נישט פערשטאנען...

און האט זיך רוזשע אין דער טיר בעוויזען, האט זיך דאס הארץ אזוי שטארק א הויב געטון, אז כ׳האב לאנג דעם אטעם ניט געקענט כאפען.

און אין אנ׳אבענד אמאל, ווען אין שטוב בין איך נאר אליין געוועזען (די באבע איז געשלאפען אין קיך), איז רוזשע געקומען. ווען זי איז אריינגעקומען און געזעהען אז איך בין אליין אין שטוב, האט זי ניט געלאכט, נאר מאדנע ארום שטוב ארומגעקוקט זיך. זי האט זיך ניט געזעצט.

— קיינער איז ניטא? — האט זי געפרעגט.

— קיינער ניט.

זי האט זיך ניט געזעצט, נאר נאהענט נעבען מיר געשטאנען. זי האט אויסגעזעהן אזוי ווי איינער וואס האט געבראכט מיט זיך א שלעכטע בשורה.

רוזשע האט פלוצלינג געפרעגט א פאר פראגעס אויף אמאל, נאר נאך איידער כ׳האב געענטפערט האט זי געזאגט:

— אזא בחור ווי איהר, דארפט שוין זיין א מענש און ניט טראגען אזא היטעלע.

איך האב אראבגענומען ס׳היטעל און געקוקט אויף דעם.

— לאזט וועל איך אייך פערקעמען די האהר מיט א שריינט!

און זי האט ארויסגענומען א קעמעלע פון איהרע האהר, האט זיך צוגעריהרט צו מיינע, און א ציטער איז מיר אדורך איבער׳ן לייב.

— באלד, כ׳וועל שוין אליין!.. — האב איך געזאגט. נאר מיין האנד איז פלוצלינג ארויפגעפאלען אויף איהר אקסעל.

— לאזט נאר, אט אזוי! — האט רוזשע שווער גערעדט, און האט מיך א שטאדקען דריק געטון צו זיך.

ס׳האט מיר געדאכט, אז אין שטוב איז פינסטער געווארען...

— טפו, די וואנצען לאזען קיין אויג ניט צוטון! — האט די באַבע געבורטשעט פון קיך. — — — — — — — — — — — —

דוד איינהאָרן.

I.

בטחון.

א שטילע נאַכט,
א שטערען פאַלט
פון הימעל טיעף
און ווערט נישט באַלד.

איך הויב מיין אויג
און נייג מיין קאָפּ:
מיין היטער וואַכט
און היט מיך אָב.

מיין היטער וואַכט,
מיין היטער וואַכט
און שיקט זיין גרוס
מיר דורך דער נאַכט.

דער וועג איז וויַיט
און איך בין מיעד;
די שטילע נאַכט
זי זינגט איהר ליעד:

„פערטרויע דיין קאָפּ
מיין שטילען שוים
און שלאָף און שלאָף;
אויף מאָרגען האָף
דיין וועג צום סוף
איז וויַיט און גרויס.“

II.

אַ פאָלקס־ליעד.

אַליע ליוליע, אַליע ליוליע!
שלאָף מײַן טײַערער און רוה;
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלעם קען מען נאָך געפינען,
אַלעם קריגט מען דאָך פאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע, זי איז איינע,
מעהר נישט איינע אויף דער וועלט.

אַליע ליוליע, אַליע ליוליע!
ווי דער צער זאָל זײַן נישט גרויס, —
תמיד קען מען איהם פאַרוויגען
אין דער מאַמעס שטילען שוים.

אַליע ליוליע, אַליע ליוליע!
ווי די זינד זאָל זײַן נישט שווער, —
זי אָבוואַשען וועט דאָך קענען
תמיד שטיל דער מאַמעס טרעהר.

שלאָף, מײַן טײַערער, מײַן ליעבער!
מאַך די אויגען צו און רוה;
גוט איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען, —
אַליע ליוליע, ליולעליו!

דוד איינהאָרן.

סאָפיאַ זוועניגאָראָדסקאַ.

בת־זרה.

(אַ מעשה'לע).

ס'האָט אַ פייער געבּרויזט. דאָס, וואָס האָט ליכט און וואַרימקייט געקענט בּרענגען, האָט אַ חורבּן געמאַכט. און אַ בּראַנד איז געווען אויך אין מענשליכע הערצער — אין פלאַמען־האַס האָבּען זיי זיך פונאַנדערגעגליהט און אין פייער פון שלעכטיגקייט אויפגעפלאַקערט.

ס'איז אַ פּאָגראָם געוועזען — — — — נאָר האָט קיין מורא נישט — כ'וועל קיין סך אַצינד נישט רעדען וועגען דעם.

צווישען בּלוט־צוטומעלטען המון זענען צוויי שוועסטער אונבּעוועגליך געזעסען. קינדער־יאָהרען און קינדער־פרייד האָבּען זיי נאָהענט און ליעב געמאַכט, און פון וועהטאָג זענען זיי ערשט אייגען געוואָרען, פון אומגליק, וואָס האָט אין זיי אַ חורבּן געבּראַכט, ווי די פייערן פון דער נאַכט.

אויף אַ קאַלטען שטיין זענען זיי געזעסען, און געווען זענען זיי אַליין ווי די שטיינער. אויסגעוועהטיגט האָט זיך אַלץ און איז פערשטומט געוואָרען, און נאָר דער שטומער וועהטאָג מיט'ן פלאַקערשיין פון דער נאַכט האָבּען זיך איבּער זיי בּיידע פערשפּרייט און די קעפּ אין טויטליכער מידקייט איינס צום אַנדערען גענייגט.

איינע פון זיי איז אַ מוטער געווען. ערשט אָבּער האָט זי

טויט קערפּער׳ל געהויִענט, מיט שטאַרע פּינסטערע אויגען אין דער רויטער נאַכט אַרומגעבלאָנדזעט, געלאַכט מיט אַ ברייט-צעצויגענעם געלעכטער, און צוגעקוקט אין דער נאַכט אַ וויעג-ליעד איבער׳ן טויטען קערפּער׳ל געזונגען. און צוגעדריקט האָט זי די הענדטלעך, די פּיסלעך געטוליעט, נאָר קיין קאָפּ האָט נישט געהאַט דאָס קינד, דאָס עופ׳עלע, וואָס זי האָט אויף איהר שוים געוויעגט.

פריהער, שוין לאַנג, האָבען זיי דאָס קעפּיל אַרומגעזוכט, לאַנג אַרומגעזוכט. דעמאָלט האָט זי נאָך געוויינט, די הענד זיך געבראָכען און געוועהטיגט, ווי אַ פרוי. ערשט — שוין נישט. ערשט האָט זי נאָר ווילד געלאַכט.

נישט געוויינט האָט אויך איהר שוועסטער, די יונגסטע פון אַלטען הויז דע-פּאַלקאָ, פון הויז, וואָס האָט די טעכטער שוואַרצע אויגען, פּינסטערע בירושה געלאָזט. אויסגעברענט האָט עס אין איהר, געבליבען איז נאָר דער קאַלטער, גרויער אַש פון וויסטער בענקעניש, און נאָר די אויגען, די פּינסטערע האָבען האַרט געפּינקעלט. געקוקט האָט זי פערשטיינערט אויף די שטיינער, די האַנד צו דער שוועסטער אויסגעצויגען, געקוקט, ווי עס ברענט דאָס אַלטע הויז, און דאָרט אין הויז — די אַלטע כתבים.

און, ווען זי האָט אומגערן דעם שטאַרען בליק פון דער שוועסטער דערזעהן, האָט אין איהר זיך פּלוצלינג אָנגעצונדען די ערינערונג וועגען יענער אַלטער געשיכטע, וואָס די כתבים האָבען דערצעהלט, אויך וועגען אַ געשמערצטער מוטער פון הויז דע-פּאַלקאָ, נאָר פון אַלטע צייטען, שמערצליכע.

עס האָבען די כתבים דערצעהלט, און וועלען שוין מעהר נישט דערצעהלען: מיט׳ן פייער זענען זיי יענע נאַכט אַוועק, אַוועק, אָבער פון מיר נישט פערגעסען געוואָרען.

גערופען האָט מען יענע בת-זרה פון שטאָלצען הויז דע-פּאַלקאָ. שען איז זי געוועזען, ווי די נאַכט, די שטילע, און גוט, ווי דער שטילער טויט. מילד איז זי געוועזען, ווי דאָס ווינטעל פון בעניגען. אַ קינד אַ קליינס, איז זי שוין אַ אָפּטער גאַסט געווען דאָרטען, וואו אומגליק און טרויער האָבען זיך אַלס שטענדיגע איינוואוינער בעזעצט. און געליעבט האָט מען זי, די געוואַרטע און אויסגע-

טרוימטע, די געווינשסטע איז זי געווען. דערנאָך האָט זי אַ זוהן געבוירען.

זיין פאָטער — ל'וויים נישט — וועגען איהם האָבען די אַלטע כּתבים נישט דערצעהלט. אָבער וועגען קינד: „האָפנונג פון ישראל" האָבען איהם גערופען די, וואָס האָבען נאָך האָפנונג געדורשט.

די, וואָס האָבען דעם וועג אין דער פינסטער געזוכט, האָבען געחלומ'ט: ער וועט דער וועג-ווייזער ווערען, ווי אַ זוהן פון די שטערען וועט ער זיין, ווידער זאָל אויף איהם בר-כוכבא'ס נאָמען קלינגען.

ס'איז אין יענע צייטען אין יענעם לאַנד געווען — מ'האָט דער הרג'עט דאָס עופ'עלע. און געבליבען זענען אין שפּאַניען זיינע ביינדלעך, ווען אין נאָמען פון ליעבע האָבען די שאַקאַלען פון בייז דאָס געפלאָנטע פאָלק פערטריבען. און געקומען זענען זיי מיט די קברים זיך געזעגנען אין שווערען טאָג פון צושיידונג. געווען איז צווישען זיי אויך בת-זרה — מיט'ן גאַנצען לייב האָט זי זיך צו דער פינסטערער ערד בעהאָפטען, מיט איהר טרויער, דעם פינסטערען, עפּעס איינגערוימט די גרעזלעך אויפ'ן קבר, אַ הייפעל שוואַרצע ערד מיט זיך גענומען און איז אַוועק. אַ בלייכע איז זי אוועק, און ס'האָבען נאָר די אויגען איהרע פון שוואַרצען טרויער געשטראַהלט. און פאַרנאַכט, אין שיין פון אָווענד-שטערען האָבען די גרעזלעך זיך אויסגעגלייכט, פון שווייגען ערוואַכט און דעם ווינטעל פון מזרח אַ סוד דערצעהלט. וועגען וואָס? — — —

דורכ'ן שאָטען פון טויט געשראָקען, האָבען די פערטריבענע יודען זייערע טריט אָבגעהאַלטען אין שפּאַניען צוריק צוגעהן.

טעג האָבען זיך געמיטען אין פערוואַגלעניש — זיבען יאָהר זינען פון יענעם פינסטערען טאָג אַריבער. און ס'איז געוועזען איינמאָל, האָט אין דער זייט פון טאָלעדאָ, דורך געשלענגעלטע וועגען, דורך סטעזשקעס, צווישען וואַלד און פעלד, אַ שוידערליכער שאָטען געשפּרייזט. די ברייטע פאַלדען פון גראָבען ליינוואַנד-מאַנטעל האָבען זיך שרעקענד אַרום דעם הויכען געשטאַלט געוויקעלט, און נאָר דורך אַ איינציגע עפנונג פון דער געזיכטס-מאַסקע האָבען פינסטער-שטראַהלענדיגע אויגען אַרויסגעקוקט. געוועזען עס אַ מאַנטעל, דער שרעקליכער מאַנטעל פון אָבזונדערונג, וואָס מען האָט אויף די מצורעים אַרויפגעוואָרפען, און אַ שוידער-שרעק האָט זיך אויף די פאַרביינגעהענ-

דע צוגאָסען מיט פערדומפּענע קלינגען-פּאַליִעס פון איהר וואָרנונגס-גלעקיל. נאָך פון דער ווײַט דערהערענדיג, האָט דער וואַנדערער געאײַלט פערשווינדען צו ווערען, איבערלאָזענדיג אויפ׳ן נאָהענטסטען שטײן נעבען וועג אַ קלײנע מטבע, אַ נדבה פאַר דעם, וואָס גאָט׳ס שווערע האַנד איז אויף איהם געפאַלען. און געגעסען האָט זי דאָס ביטערע געשאַנק-ברויט, קלײַבענדיג איבער, די וועגען דאָס, וואָס האָט זיך אין שטויב געוואַלגערט.

ווי זיכער איז איהר שריט געוועזען, ווי אָפען געקוקט האָבען איהרע אויגען, די פינסטערע!

איז דאָס דען אַ מצורעת געוועזען? — — —

און געזעהען האָט די נאַכט — איבער די פערגראָזיגטע שטעגעלעך פון פערוואָרפענעם יודישען בית-עלמין אין טאָלעדאָ, האָט זיך אַ טונקעלער שאָטען אין אַ מאַנטעל פון אַ מצורע געשלײַכט. קברים צוגראָבענע האָבען אַרום מיט שוואַרצע גריבער אַרויסגעקוקט, צוריסען זענען די רײַכע מצבות געוואָרען — פון ווינטען בײזע, האַרטער צײַט און מענשען.

זיבען יאָהר זענען אַריבער, זינט די פערוואָגעלטע האָבען זיך מיט זײערע נאָהענטע קברים געזעגענט. — וואָס זוכט דאָ ערשט דער שוידערהאַפטער שאָטען צווישען די קברים? אָט האָט זי זיך בײַ אַ קלײן פערגראָזיגט בערגעל אָבגעשטעלט, צו דער ערד צוגעפאַלען, מיט ציטעריגע הענד גענומען זוכען אין שוואַרצען זאַמד — און ווען דער מאָרגען-שטערען האָט זיך אָנגעהויבען לעשען, האָט זי זיך פון קבר אויפגעהויבען, פון בעטלער-זעקעל אַ ווײַכע שעמערירענדע מזרח-וועב אַרויסגעצויגען און שטיל פערוויקעלט אין דעם די בײנדלעך, די טײַערע.

און בעגינען, מיט די בײנדלעך פון קלײנעם בר-מינן אין בעטלער-זעקעל, אין אַ מצורעים-מאַנטעל — האָט זיך די מוטער ווידער אין איהר וועג אַוועקגעלאָזט, דורך שטעגען און וואַלד, דורך סטעזשקעס און פעלד.

ווי אַזוי זי איז צום בלויען באָספאָר דערגאַנגען, ווי זי האָט זיך דורך פעלזען און ברעגעס אויסגעשטײנערטע דורכגעקליבען צו דער ערד פון ישראל — וועגען דעם אַלעם האָבען די אַלטע כתבים שוין פיעל דערצעהלט. נאָר זאָל איצט זײַן דערמיט!

ס'זענען אריבער חדשים און — כ'ווייס נישט — אפשר אויך יאָהרען. און ס'האָט זיך איינמאָל דער פריהמאָרגען צושמייכעלט דעם מיטעללענדישען ים אנטקעגען.

פריי, ווי דער הייסער ווינט פון דער וויסטע, מיט א ליעד א יונגס, ווי א פריהלינג פריהמאָרגען, האָט זיך א בעדואין אויף זיין פערד געיאָגט.

נאָר אָט האָט ער, א פערוואונדערטער, זיין שלאַנקען לויף פערהאַלטען, איז אראָב און קוקט, קוקט און פערשטעהט נישט.

— וואָס איז דאָס? ווען איז דאָס געשעהען?

דאָרט, וואו דער קישון אין זוניגען שטראָם איבערענטפערט זיינע פאַליעס דעם ים, דעם בלויען, אונטער'ן שאָטען פון צעדערבוימער האָט זיך א פריש קבר-בערגעל געהויבען; א זיידען וועב האָט זיך נעבען איהם צעוואָרפען און א האַנד, א אונבעקאַנטע, האָט ווערטער אונבעקאַנטע אויף דער שאָל פון בוים אויסגעשניטען.

ער האָט זיך באַלד דערוואוסט — דאָס איז דער נאָמען געוועזען פון בת-זרח'ס זוהן. דאָ האָט די מוטער איהר קינד'ס ביינדלעך בעהאַלטען, און אויף דער בליהענדער מצבה, אויפ'ן פעסטען צעדערבוים, זיין נאָמען אויסגעקריצט, און אויך זי האָט ער געפונען: אין ווייכען שעמערירענדען מזרח-וועב, אַזוי ווי אויף יום-טוב אויסגעציערט, איז געלעגען אַ קערפער א שטילער ביים בערגעל זאמד; גרויע האָהר האָבען א זויבער-קראַנץ פון שטאָלצע ליידען אויסגעפלאָכטען אַרום דעם פנים, וואָס איז נאָך יונג און שען געוועזען, נאָר מיט צייכענס פון וועהטאָג דורכגעאַקערט.

עס האָבען שוין מעהר נישט געפינקעלט די פינסטערע אויגען. טויטע, האָבען זיי די העזה געהאַט גלייך אין פנים דער זון, דער שטראַהלענדער, צו בליקען. וואָס איז געוועזען אין זיי? פאָרוואורף און שמערץ, אָדער פרייד אויף דעם, וואָס זי האָט געטהון?.. כ'ווייס נישט. ס'האָבען זיך קיין וואונדען אויפ'ן זויבערען לייב נישט גערויטינגט, נאָר זי איז קאַלט געוועזען.

גערופען האט מען זי בת-זרה, פון אלטען הויז דע-פאלקא. איהר זוהנ'ס בײנדלעך פון גלות האט זי געבראכט אין לאנד, וואו ס'איז די יונגע זון געבוירען.

געשטארבען איז זי, און נאר די נאכט האט עס געזעהען. וועגען איהר זינגען אמאל די בעדואינער פון די בערג, וואס אויף יענער זייט קישון; וועגען איהר האבען די אלטע כתבים דערצעהלט, מעהר וועלען זיי שוין נישט דערצעהלען: אוועק זענען זיי מיט'ן פייער אין יענער נאכט, נאר נישט פערגעסען וועט זיי די לעצטע פון הויז דע-פאלקא.

יואל מאַסטבוים.

זיך אויסגעשפּיעלט.

(אַ בילד).

האַלבער טאָג. דאָס אָבגעלאָזטע שטיבעל מיט די שלעכטע טהיר און פענסטער, וואָס פּלאַצען פון טרוקענקייט און אַלטקייט, שטעהט אָפּען געגען דער הייסער זון; אַרום די שטאַכעטען געגען פענסטער, וואו ס׳הענגט וועש, דרעהען זיך בּיהנען און פליגען, וואָס דער־נעהנטערן זיך אַמאָל צום פענסטער מיט אַ זשווּשען, וואָס מאַכט מיעד און שלעפעריג דעם געדאַנק...

יונה, אַן׳אַלטער כּלי־זמר, וואָס דיענט טריי דעם כּלי־זמר׳ײַ שוין העכער צוואַנציג יאָהר און האָט דאָך קיין הצלחה נישט געהט דאָ אַרום איבער׳ן שטוב מיט אַ פערדראָסיגען געדאַנק, אַז אַמאָל, האָט ער פונדעסטוועגען געהאַט אַ גוטע חתונה: רייכע מיידלעך האָבען געטאַנצט און זילבערנע צעהנערלעך זענען געפאַלען. אַך, אַמאָל, אַמאָל!.. און ווייל ער קען פון זיך דעם געדאַנק נישט אָבטרייבען, בּלייבּט ער יעדעס מאָל שטעהן בּיים פענסטער, אויסציהענדיג פון מויל אַ מיעדען געניץ, וואָס ענדיגט זיך מיט אַ ציינער קריצען...

אין דער אָפענער טהיר בעווייזט זיך אַ יונג־קאָקעטיש ווייבעל אין קלאָרען אָנגעטון. דאָס איז די שכנ׳טע — אַ כּלי־זמר׳קע. וואָס האָט זיך שוין אָבגעאַרטיגט פון אָנבייסען, אויסגעשלאָפען און קומט

אריין יונה'ס ווייב פערצעהלען די גליקען פון איהר מאן. און ווייל זי ווייסט ביי זיך, אז איהר פּאַסט די אויסגעשלאָפענקייט, ציהט זי אויס אַ געמאַכטען גענויץ, בעטראַכט די שטוב און זאָגט:

— פונדעסטוועגען, ר' יונה, זייט איהר אַ שטיקעל שוסטער־קאָפּ.

— מ? מ?

— נו, יאָ, שרה'שי, זאָל לעבען, איז אַ יודענע אַ בעל־הבית'טע, נאָר איהר... דרעהט זיך און דרעהט און קענט זיך פּאָרט נישט צוטשעפּען צו קיין קאַפּעליע!

יונה, חאַטש אַ מענש שוין אויף דער עלטער, מיט אַ הייזעריג קול פון בראָנפען און געשוואָלענע אויגען פון נישט דערשלאָפען, אַ כלי־זמר, וואָס האָט נאָך אין די יונגע יאָהרען געקענט האַלטען אַ סמיק אין האַנד און היינט זענען זיי אַזוי פערבלאָנקעט, אַז זיי טויגען צומאָל צו קיין פויק נישט, — בלייבט דאָ שטעהן מיט איין פויסט אין די זעלנערשע הויזען און מיט די אַנדערע, גלעטענדיג די געראַזירטע מאָרדע, טראַכט ער צו טון אַזאַ שווים צו איהר, אַז זי זאָל שוין דעם וועג אַהיים נישט געפינען. נאָר נאָכדעם, ווי ער בעטראַכט זיך, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ יודענע — אַ שפּינוועבס, נעהמט ער דאָס אַ שטיקעל פּאַפּיראָס פון טיש און, אָבשאַרענדיג מיט אַ פינגער דאָס אַש, ענטפערט ער מיט אַ שמייכעלע:

— איך — פערשטעהט איהר, מאַדאַם, בין נישט פון אייערע כלי־זמרים, כ'מיש מיך נישט צו אייערע אוצרות, מישט אייך נישט צו מיינע טעפּ, און אַדיו!

די שכנה'טע רוקט זיך ביסלעכווייז אַרויס, יונה בלייבט רויכערען דעם פּאַפּיראָס, טראַכטענדיג ביי זיך, אַז זי איז פּאָרט נישט אומגערעכט: די הוצאה איז גרויס, ס'ווייב שלעכט — און עס געהט פאַר איהם אַדורך זיין לעבען: אַלט יאָהר געדינט אין ראָטע, זעקס געבלאָזען אין אַ טראָמבאָן, פינף געשלאָגען אין אַ קעסעל־פויק, זעקס אויף אַ פידעל, זיבען אויף אַ קלאַרנעט; עך טרוקענע, פינסטערע יאָהרען...

ער טוט אַ קוק ווי די זון חאַלט און נעהמט אויס לאַנגווייליגקייט קלאַפּען מיט די פינגער אין שויב: ס'ווייב איז אַוועק גרעט שווענקען, די קינדער לויפען אַרום אין דרויסען נאַקעטע מיט פערשמירטע מייַלעכלעך נאָך פון נעכטיגע יאַגדעס און דאָ איז די שטוב אָבגעלאָזען.

אָפּענע טהיר און פענסטער. אפשר זאָל ער זיך געבען א טו-אָן דאָס סאַקעל און פערבלאָנדזשען צום סטאַראָסטע, נאָך וועטשערע שטעלען זיך אויפשפּילען עפּעס פון ווייטענס, הינטער די בוימער . . . ווען נישט דאָס — איז צוגעהן צום פּריצ'ס הויף, וואו די פּאַראָבקעס ליגען אין די שטאַלען, אפשר וועלען זיי עפּעס אַרויסוואַרפען. אָדער מ'קען זיך אַזוי צוגעהן צום פּריץ, ווען ער שטעהט זיך מיט די הענד אין די קעשעניעס און . . . „שענק עפּעס אַנ'אָרימען יודען!"

יונה הויבט דאָן אָן פויל זיך גראַבען און נישטערען צווישען אַלטע אָנטוהנס, פערוואָרפט אויף די אַקסלען דאָס גרינגע סאַקעלע, נעהמט אין האַנד עפּעס אַ אינסטרומענט און געהט אַרוים פאַר דער טהיר, אומקוקענדיג זיך און, קלערענדיג וואוהין צו געהן? ער דער-וואַרט זיך אויף דעם ערשטען בעסטען וואָגען, וואָס שלעפּט זיך פון ציגעלניע אין שטאָדט אַריין, זעצט זיך אויף מיט אַראָבגעהאנגענע פיס און רוקט זיך לאַנגזאַם אַוועק פון זיין שטיבעל מיט אַ טרויעריגען פּייפען, נאָכקוקענדיג אויף די ווייסע לאַטעס און די אויפשריפטען מיט קרייד אויף די ווענט; ווייט, ווייט זעהט ער דעם פלאָקען אין דער ערד, אונטער וועלכען עס איז בעגראָבען אַ זעלנער אין אַ טרונע מיט אַ היטעל און אַ אינסטרומענט, אויף וועלכען ער האָט געשפּילט.

די פוהר הויבט אָן געשווינדער צו געהן און אין עטליכע מינוט אַרום ווערט דער שאָסיי פון ביידע זייטען פערשלאָסען. די זון זעצט זיך אונטער עטליכע סטאָדאָלעס; ס'נעהמט בלאָזען אַ קיהל, פרישׁ ווינטעל, וואָס דערוועקט אין איהם הונגער און אונהיימליכקייט, נאָר ער מאַכט זיך קוראַזש און זאָגט צום פוהער:

— פונדעסטוועגען איז היינטיגס יאָהר אַ גערעטעניש

— הום, הום! — גיעט נאָך דער פוהער, וואָס איז פערנומען מיט'ן אונטערטרייבען.

— נאָר, וואָס רעגען פעהלט אוים.

— אי דאָס גענוג!

— מ'זאָגט דאָך אָבער, אַז ביי אייך פאַלען בהמות . . .

— עט!

יונה הויבט זיך אָן אויפסנייען עפּעס צו דערמאָנען: אַ טאַטע — אַ דרדקי'ר מלמד, אַ מאַמע — אַ בייגעל-בעקערין, געהאַט האָבען זיי אַ סך קינדער, מוליאַרעס זענען זיי געווען, פעסטע סאָלדאַטען מיט געזונטע הענד: אַלע האָבען זיי אויף קעסיל-פויקען געשלאָגען, און

נאָך דערמאַנט ער זיך עפּעס זעלנערשעס און יונגעלשעס, וואָס לאָזען זיך נישט קלאָר געדענקען... ביז עס חאַפּט איהם אָן אַ דרעמיל, ער שטעקט אַריין די הענד אין די אַרבעל און לאָזט זיך פון דער פוהר פיהרען, וואוהין זי וויל...

ביים אָנקומען טרעט ער צוערשט אַראָב אין גאַסט־הויז: ציווארט דאָרט נישט עמיץ אויף קיין כלי־זמר? ער פרעגט, ווי זיין געוועהנהייט, אויפ'ן געזונד פון די שטאָרטישע, אויף געשלאָסענע שדוכים, און, ווען מען ענטפערט איהם, אַז אַלץ איז ווי געוועזען, טרינקט ער נאָר אויס פאַר'ן אייגענעם געזונד און זעצט זיך אַוועק מיט אָנגעבלאָזענע באַקען אויספייפען אַ ליעדעל, וואָס דערמאָהנט אָן יענעם מאַרש, מיט וועלכען מ'האָט בעגראָבען דעם זעלנער אויפ'ן בלויזען פעלד. אַ שטיקעל צייט שפּעטער הויבען זיך אָן צוזאַמענקומען מענשען אויף וועטשערע — דאַן נעהמט זיך יונה צו זיין אַרבייט: פאַרהאַן דאָ אַ מיידעל ביילע, וואָס טראַכט שטענדיג וועגען אַ חתן שמואל. אַ גאַנצען טאָג איז זי פערנומען, נאָר ביינאַכט, ווען די אַרבייט איז אָבגעטון און די שטוב איז אויפגערוימט — זעצט זי זיך אַוועק אויסזינגען איהר ליעדעל: „כ'בין אַמאָל אַ מיידעל געוועזען, אוי־אוי! האָב איך געקושט, אוי־אוי!... האָב איך געליעבט, אוי־אוי!... האָב איך צום האַרצען צוגעדריקט, אוי־אוי!..“ יונה בעגלייט איהר דעמאָלט אויפ'ן קלאַרנעט און בעקומט דערפאַר פון קרעטשמע צו עסען פאַר זיך און אויך אַהיים צו טראָגען...

נאָך אַזאַ טאָג ווערט אין שטוב ביי יונה'ן אַ ביסעל היימליכער: דאָס געבראַכטע עסען ווערט ברייט אויסגעלעגט אויפ'ן בעט און דערפון געניעסען אַלע, אויך די קאַץ מיט'ן הונט. און יונה אַ מיעדער ליעגט אין אָנטון איבערגעדעקט מיט'ן ברודיגען בעטגעוואַנט און דורך אַ דאַמפיגער הייסקייט פלאָנטערט זיך איהם עפּעס אין געדאַנק... ער הייסט אַלעמען געהן שלאָפען און אַליין דרעהט ער זיך אויס מיט'ן פּנים צו דער וואַנט, הערענדיג הינטער זיך אַ שושקעריי צווישען מאַמע און קינדער וועגען דעם, וואָס דער טאַטע הייסט אַזוי פריה שלאָפען געהן. שפּעטער אַ ביסעל הערען זיך שטילע טריט, וואָס דערנעהנטערן זיך צום בעט:

— יונה! יונה'שי!..

יונה פרובט אויפהויבען דעם קאָפּ.

— דו שלאָפסט, יונה'שי?

— ? ?

— איך האָב טאַקי נאָר געוואָלט אַ קוק טון , צי דו שלאָפסט!

דאָ ווערט שרה פּלוצלינג גוט און נעהמט אויספרעגען , ווי די חתונה איז צוגעגאַנגען ? וואָסערע דרשה-געשאַנקען זענען געפאַלען ? וועלכע טענץ האָט מען געשפּיעלט ? ... יונה ליגט מיט האַלב-פערמאַכטע אויגען , און זעהט גוט די פערקאַטשעטע פאַלשע הענדטלעך , וואָס זענען עקסטרע ענטבלויזט , נישט צו לאָזען איהם שלאָפען , ריידען און ריידען פון דער חתונה און דערנאָך ווערט זי געוויס אַ פרעג טון וועגען חתונה-געלד . . . ער שיסט אויס מיט אַ געמאַכטען האַלב-שכור'ן , האַלב-שלעפעריגען קול , אַז די חתונה איז געווען אַנ'אָרימע ; סך-הכל האָבען דאָרט געטאַנצט אַ פּאָר מיידען . . . געטאַנצט און געדרעהט זיך אין קאָן מיט לעדיגע קעשעניעס . . . און . . . שוועסטער-לעבען , אומזיסט זיך יונג געמאַכט . . . גיה שלאָפען !

די יורענע געהט אַוועק שלאָפען מיט אַ טרויעריג און נעבעכדיג זיפצען , און יונה הויבט אָן ביסלעכווייז אַרויסצורוקען און אויפהויבען דעם קאָפּ . דאָס פרישע ווינטעל , וואָס שמעקט מיט שכנ'ישע זאַט-קייט , די יונגע שכנה'טע מיט די אויסגעשלאָפענע אויגען און דער פלאַקען אויף דעם בעגראָבענעם זעלנער , וואָס קוקט צו איהם גלייך אין פענסטער אַריין , — לאָזען איהם נישט שלאָפען : אַלט יאָהר אין ראָטע , זעקס געבלאָזען אויף אַ טראָמבאָן , פינף אויף אַ קעסיל-פויק , זיבען אויף אַ קלאַרנעט און צינד אָהן אַ קאַפעליע . . .

אין שטוב ווערט אַלע מאָל שטילער , דאָס בלישטשען פון לעמפּעל לעגט אַוועק אַ מאַט-געלע שיין אויף יונה'ס דיקען און אָנגעבלאָזענעם פנים , פול מיט רויטע און געלע פלעקען ; און זיינע ליפּען פייפען גאָר שטיל דאָס ליעדעל פון געשטאָרבענעם זעלנער . אָט דאָס שטילע פייפען ציהט צו דעם הונט און קאַץ , וואָס לעגען זיך אַוועק פּאַוואָלינקע ביי יונה'ס צוקאָפּענס , און אין אַ קורצע צייט אַרום הערט זיך שוין אַלעמענס שנאָרכען . . .

אברהם רייזען.

דער טויט און „רענעסאַנס“.

(עסקיז).

דער אייגענטימער פון קאַבאַרעט „רענעסאַנס“ איז ערנסט קראַנק געוואָרען.

די ידיעה איז אָנגעקומען אין גרויסען זאַל „רענעסאַנס“ אַ זייגער צוועלף בייַנאַכט, ווען דער עולם איז נאָך ניט געווען אינגאַנצען.

דער שותף, האַוועלע, אַ מאַן פון אַ יאָהר פינף=און=פיערציג, מיט איינגעפאַלענע באַקען און אַ לייַכטען פליך אויפ'ן האַלב=ווייַסען קאָפּ, האָט די ידיעה אויפגענומען מיט אַ שמייכעל:

— מסתמא האָט ער זיך צופיעל איבערגעליעבט... עס וואָלט איהם שוין צייַט געווען אָבצורוהען...

און גלייַך איז ער צוגעגאַנגען צו דער שענער ראָזאַלדע, אַ היספּאַנישע טענצערין, וואָס רעדט געלויפיג יודיש, און האָט איהר מיט אַ שמייכעל געמאָלדען:

— אונזער הערר איז קראַנק.

— אַזוי? — האָט זי גאַנץ נאַאיוו געפרעגט און האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער ענטבלויזטער ברוסט — אַ שאָד.

נאָר באַלד האָט זי זיך ערמונטערט:

— ער וועט געזונד זייַן, אונזער הערר. ער איז אַ וואוילער קערל.

זי איז אַרײַן אין דער אונטערשטער לאָזשע, וואו עס איז געזעסן אַ יונגער דראַגון־אָפיציער און, שוין האַלב שכּור׳לעך, האָט ער געגלעט די ווײַסע הענדטלעך פון דער בלאָנדער ווינער סובּרעטין.

— אונזער הערר איז קראַנק, — האָט זי אַרײַנגעוואָרפן.

— פּגר׳ט ער אַוועק! — האָט דער אָפיציער אויסגעשריגן לוסטיג און האָט די טענצערין אַוועקגעזעצט נעבן זיך און האָט פּערשכּור׳ט געבעטען: טרינקט מיט אונז!...

— טרינקען? — האָט זיך די טענצערין ווי פערטראַכט... עס ווילט זיך הײַנט עפּעס נישט טרינקען. אַ מאָדנע זאַך.

— איהר וועט הײַנט האָבען אַ מפּלה בײַם טאַנצען, — האָט דער אָפיציער איהר נביאות געזאָגט, — איהר הערט! איהר וועט זיך אויסגליטשען און וועט אַ פוס צוברעכען.

די הישפּאַנישע טענצערין, זײַענדיג זעהר אַבערגלויביג, האָט זיך דערשראָקען פאַר דער נביאות און, אַ קלאַפּ טהוענדיג איהם איבער דער האַנד, האָט זי געוואָרענט:

— רעדט נישט קײן נאַרישקײַטען!

און זי האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזיל שאַמפּאַניער און נאָכדעם צוגעגעבען:

— ווי מײַנט איהר, וועט אונזער פערוואַלטער געזונד ווערען?

— פּגר׳ט ער! — האָט זיך דער אָפיציער געהאַלטען בײַ זײַנס.

אַ ווײַנער אײנס איז דער קאַבּאַרעט רענעסאַנס איבערפולט געוואָרען מיט געסט. אַלע קלײנע טישלעך זענען געווען בעזעצט מיט פּאָרלעך פון פערשידענער עלטער און שטאַנד. בײַ מאַנכע טישלעך האָט מען געקענט זעהן אַלטע לײַט מיט הוילע קעפּ, די עטליכע איבערגעבליבענע האָר עקאָנאָמיש צושפּרייט אויפ׳ן ווײַסען שאַרבען, זיצען מיט אַכצעהן־יעהריגע מײדלעך מיט שוואַרצע געדיכטע לאָקען. דאָ שפּיעלט די צאָהל יאָהרען קײן ראָל נישט, ווײַל דער אַלטער לאַכט דאָ פונקט אַזוי ווי דאָס יונגע מײדעל, און געדאַכט האָט זיך, אַז די מײדלעך פערקויפען נישט נאָר זײער לײַב, נאָר אויך זײער יוגענד און שענקען אַוועק פאַר די עטליכע רובעל אויך אַ טײל פון זײערע יאָהרען...

איז די ברייטע דורכגאנגען האבען ארומגעשפּאצירט רייכע עפּענטליכע פרויען, אויף זייערע ענטבלויזטע בוזעמס און גאנץ נאקעטע הענד האבען געפינקעלט בריליאנטען און דימענטען. זיי האבען קאָקעטיש זיך דורכגעוואָרפען מיט ווערטלעך מיט מאנכע בעקאנטע הערען, וואָס זענען שוין, לײַדער, געוועזען פערנומען מיט אנדערע, און האבען געוואַרט אויף דער רייהע.

נאָר אָט האָט מען אויף דער רעכטער זייט פון דער עסטראַדא געוויזען אין עלעקטרישען פייער דעם „נומער צעהן". די יעניגע פון פּובליקום, וואָס האבען געקענט דעם נומער, האָבען אָנגעהויבען מיט גרוים התלהבות צו פּאַטשען און אויסצושרייען: שאַמפּאַן, סעווערסקאַיאַ! דאָס האָבען זיי מקבל פּנים געווען דאָס לוסטיגע פּאָרעל, וועלכע איז בעשטאַנען פון א נעגער מיט זיין ווייסער פרוי. — מיט פרעהליכע געזיכטער האבען זיי ביידע אַרײַנגעטאַנצט אויף דער סצענע און אָנגעהויבען וואַרפען מיט די פיס און אויסארבייטען פערשידענע וואַריאַציעס, דרעהענדיג זיך ווי א ווילכער איבער דער סצענע.

אין דער זעלבער מינוט איז אַרײַנגעלאָפען אין זאַל א פרוי פון א יאָהר פינף-און-פערציג, רייך געקליידעט מיט צושויבערטע האָר, און האָט מיט ווילדע בליקען געזוכט דעם שותף, האוועלען.

דערזעהענדיג איהם שטעהן מיט א שאַנסאָנעטין, האָט זי איהם ביז אָבגעשטופּט און ווילד אויסגעשריען:

— שטעלט אָב! ער איז געשטאָרבען... שטעלט אָב!

דער שותף, האַוועלע, האָט אַ פיהר געטון מיט דער האַנד איבער'ן פליכעוואַטען קאָפּ און רוהיג בעמערקט:

— אונמעגליך... — זיי זענען אלע שכור...

— ער איז געשטאָרבען! שטעלט אָב! — האָט דעם פערוואַלטער'ס פרוי געשריען.

— מען קען ניט! מען קען ניט! — האָט דער שותף איהם רוהיג ערקלערט, — זיי זענען אַלע טויט-שכור...

די פרוי האָט געוואָרפען פערצווייפעלטע בליקען אויפ'ן פּובליקום, אויף דער סצענע... זי האָט זיך א וואָרף געטון אויף א טישעל און האָט אויסגעשריען:

— אַהיים! ער איז געשטאָרבען!

ראָזאַלדע, די יודיש-היספּאַנישע טענצערין, וועלכע איז א ביטרונקענע בײַם טישעל געזעסען, האָט לוסטיג אויסגערופען:

— זעהט ווי שען אונזער פּערוואַלטערין איז! וואו איז דער
פּערוואַלטער? לאָז ער קומען! — האָט זי געלאַכט, — איך האָב
איהם ליעב, ער איז אַ וואוילער קערל...
— ער איז געשטאָרבען! — האָט די פרוי מיט ווילד=אוים=
געגלאָצטע אויגען געשריען, — ער איז געשטאָרבען... איהר פער=
שטעהט. ער איז געשטאָרבען!...
— אַך, וואָס דרעהט איהר אַ קאָפּ? — האָט אַ הערר פון די,
וואָס זענען געזעסען בײַם טישעל מיט ראָזאַלדען, פער'שכור'ט געבײַ=
זערט זיך, — וואָס געשטאָרבען, ווען געשטאָרבען... אָט קוקט בע=
סער, ווי מען טאַנצט...
— געשטאָרבען, זאָל איך אזוי... — די פרוי האָט ניט גע=
קענט נעפינען קיין ווערטער, ווי אזוי צו ערקלערען זיי. זי איז אום=
געלאָפען פון טישעל צו טישעל, פון לאָזשע צו לאָזשע: זי האָט גע=
וויינט, זיך געבעטען, נאָר קיינער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס זי
וויל, וואָס זי וויינט.
איין אַלטער גענעראַל, ביי וועלכען זי האָט געהאָפט געפינען
אַנ'ענטפער אויף איהר בקשה, האָט אַ פער'שכור'טער זי אַ גלעט גע=
טאָן בײַם האַלז און קינדיש=נאַאיִוו געפרעגט:
— וואָס זאָגסטו, טײַבעלע? געשטאָרבען? הא? געשטאָרבען?
וואָס איז דאָס געשטאָרבען?
און ער האָט זי גוטמוטיג אַוועקגעזעצט נעבען זיך און מכבד
געווען מיט אַ באָקאַל שאַמפּאַניער...

אינהאלט-פערצייכנונג:

מנחם:	שלמה (פאעמע)	2—14
יונה ראזענפעלד:	א שרפה (אין די שמאלע געסלעך)	15—21
אברהם רייזען:	ווער? (ליעד)	22
מ. ברכהן:	* * * (ליעד)	23
ידידיה מרגולית:	וועלוויל (ערצעהלונג)	24—37
אפרים קאגאנאווסקי:	רושוע (פון דער סעריע מיידלעך)	38—46
דוד איינהארן:	ליעדער	47—48
סאפיא זוועניגאראדסקא:	בת-זרה (א מעשה'לע)	49—54
יואל מאסטבוים:	זיך אויסגעשפיעלט (א בילד)	55—59
א. רייזען:	דער טויט און רענעסאנס (עסקיז)	60—63

אפרים קאגאנאווסקי.

מיידלעך

יוגענד עפיזאָדען.

פערלא: „קולטור"

וואַרשא

1914 תרע"ד

Тип, „Конкордія" Варшава, Закрочимская 1. 1913 г.

אינהאלט:

פעסעלע — — — — — — — 7
רוזשע — — — — — — — 19
שײנדעלע — — — — — — 31
פאננא זאָשא — — — — — 45

I.

פּעסעלע.

פּעסעלע.

כ׳בין אמאל געווען אַ זאָרגענלאָזער יונגעל, מיט נייע, גלייכע אַרבעל, שטענדיג ריין-געפּוצטע קאַמאַשען, פון וועלכע ס׳האָט גע-גלאַנצט דער שוך-וואַקס, מיט אַ גלייכען קאַפּעליוש, וואָס איז געווען איינגעקנייטשט פּונקט אין-דער-מיט, און האָט געהאַט אַ פאָרם פון אַ שבת׳דיגען סטרוצעל...

כ׳האָב זיך געלערנט לייענען פּוילישע ביכלעך; געפּאָלגט דעם טאַטען אַ גאַנג, גערער אויפצוציען אַ רעכענונג׳ל פאַר דער מאַמען...

און געגענאיבער, אינים איינשטאָקיגען הויז, מיט׳ן גאַניק׳ל אין גאַס אַריין, האָט געוואוינט פּעסעלע, ר׳ גאָרפינקעל׳ס טעכ-טערל, מיט בלויע אויגען און גאָלדענע האָר...

ס׳פערשטעהט זיך, אַז זי האָט מיר געפאַלען.

איינמאָל זיץ איך ביים פענסטער, פאַרנאַכט, ווי מיין שטייגער איז געווען, און שרייב-אָן אַ פּאָר פערטלען פּאַפּיער, צו קריגען אַן׳אויסגעשריבענע האַנד, — דערזעה איך פּעסעלען געגענאיבער — גליצט זיך מיר די פּנים פון דער האַנד אַרויס, ס׳האָט מיר פאַר די אויגען אַ מיש געטהון...

זי איז געשטאַנען האַלב־צוגעשפּאַרט מיט די ווייסע הענטלעך איבער׳ן גאַניק, אין אַ ווייס, לייכט בלוזקעלע, אַ שוואַרץ פֿאַרטוכל פֿון אויבען, מיט די בלויע אויגען געקוקט אין ערגיץ ניט.

זי ווייסט, אַז זי געפֿעלט מיר...

ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז כ׳האָב שוין פֿונ׳ם פֿענסטער ניט גע־קאָנט אָבטרעטען, ביז ס׳האָבען זיך באַוויזען אויפֿ׳ן גאַניק מיידעלאַך חברטעס, מיט וועלכע זי, פּעסעלע, איז געגאַנגען שפּאַצירען...

איינמאָל האָט זיך אין אונזער גאַס אַ קינד מיט אַ בייגעל געוואָרגען. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צוזאַמענגעלאָפֿען, איך אויך — צווישען עולם דערזעה איך פּעסעלען. אין כאַפּש כ׳האָב זי טאָג־אויס־טאָג דורכ׳ן פֿענסטער געזעהן, האָט זי יעצט פֿאַר מיר אַן אַנדער פּנים געהאַט — ס׳האָט מיך אַ היץ באַשלאָגען, כ׳האָב קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּען.

— זי וויסען? ס׳קינד האָט זיך שיער דערשטיקט! — האָב איך פּלוצלונג דערהערט אַ קלינגענדיג שטימעלע הינטער מיר.

כ׳האָב אַ ציטער געטהון. און דערזעהענדיג פּעסעלען, האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

— יאָ, יאָ, מ׳דאַרף זיין אָבטראָזשנע!

דאָס וואָרט „אָבטראָזשנע“ האָב איך, צוליעב אינטעליגענץ און פּוילישקייט, אַרויסגערעדט אַזוי שאַרף, אַז ס׳האָט אויס גע־ענדיגט מיט אַ פֿייף...

זעהט־אויס, אַז פּעסעלע האָט שוין מעהר ניט געהאַט וואָס צו פֿרעגען, זי האָט נור אויף מיר געקוקט — איך האָב דאָס גע־פֿיהלט, און מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ און מיט אַ מאָדנע צופֿרי־דענהייט זיך שנעל אָבגעטראָגען אַהיים...

איינמאָל פֿאַרנאַכט, צוגעהענדיג צום פֿענסטער, דערזעה איך, אַז פּעסעלע שטעהט אויסגעפּוצט און מיט אַ ווייס שירמ׳ל אין דער האַנד, צום שפּאַציר.

אַליין ניט וויסענדיג פֿאַרוואָס, האָב איך דערפֿיהלט אַז דאָס

האָט עפּעס פֿאַרגעהאַט מיט מיר. און ווירקליך, איידער כ'האָב בע-קלערט ווי אַזוי, — פּעסעלע גיט שוין אַ צייכען מיט דער האַנט, כ'זאָל אַרויסגעהן, און געהן גלייך מיט'ן געסעל.

פּעסעלע איז פֿאַרשוואונדען.

איך האָב זיך דאָ פֿאַרקעמט, פֿאַרוויכטיג אָנגעטהון דעם קאַפּעליוש, ווי כ'וואָלט געוואָלט צודעקען אַ זאַך, וואָס קאָן פֿון אונטער די הענד אַוועקפֿליהען.

כ'בין אַרויס פֿון שטוב.

אַרויסקומענדיג מיט אַ קלאַפּונגעס האַרץ אויף דער גאַס, האָב איך געזעהן פֿון דערווייטען געהן פּעסעלען; לאַנגזאַם האָט זי געשפּרייזט, שטעלענדיג דאָס שירעמ'ל פֿאַרויס...

ס'איז אַ קיהלער זומער-פֿאַרנאַכט געווען. אויבען, איבער'ן טונקעל-בלויען הימעל, האָבען זיך שטילע טונקעלע וואָלקענדלעך געצויגען, און צווישען זיי האָבען בלייך-גאָלדענע שטערען גע-פינקעלט...

מענשען האָבען לאַנגזאַם שפּאַצירט. אָט פֿאָהרט אין זיין בריצקע „פּאַן האַבאַזסקי" דער אַפּטייקער, מיט'ן יודישען ווייב. ער בוקט זיך אַרויס פֿון דער בריצקע, און לאַכט מיט'ן שוואַרצען בויך פֿון די יודישע הייזלעך מיט די אַראָפּגעהאַנגענע, צובראָכענע לאַדען...

איך געה שנעל, דאָס האַרץ וואַרפֿט זיך אין ערוואַרטונג — אָט האָט געהט פּעסעלע, און איך נאָך איהר.

איינ'ם עק פֿונ'ם לעצטען געסעל, וואו ס'וואוינט דער „פֿאָ-טאָגראַפֿיסט" מיט די בלויע פֿענסטער-שויבען, וואו ס'שפּאַצירען-אַרום ציגען נעבען די בעגרינטע פּלויטען, און מעקען מיט זייערע שוואַכע, יודישע שטימעלעך, קעהרט זיך פּעסעלע צוריק אום, און געהט גלייך קעגען מיר...

כ'דערפֿיהל, ווי מיינע פֿיס הויבען זיך שפּרינגענדיג; אָט הייב איך אָן צו ענטלויפֿען פֿון חאַנגען: „וואָס וועל איך איהר ענטפֿערן, ווען זי וועט מיך עפּיס פֿרעגען?" — און אַרום האַרץ קיצעלט עפּיס, זאָגט עפּיס צו. אַ היץ בעשלאָגט מיך, און כ'בלייב פּלוצלונג שטעהן...

פּעסעלע איז צוגעקומען צו מיר. זי איז שטעהן געבליבען. מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען האָט זי געזאָגט:

— וואָס טוען זי דאָ?

כ׳האָב ניט געטראַכט, וואָס צו ענטפערן. יעצט בין איך שוין געווען זיכער, אַז כ׳האָב געהאַט אַ טעות, אַז פעסעלע האָט מיך ניט גערופען. — „טאָ צו וואָס פאַר אַ טייוועל בין איך איהר נאָכגעקראָכען? פאַסט דאָס פאַר אַן אָרענטליך יינגעל?“...

כ׳האָב אַרויסגעשטאַמעלט:

— אַ ביסעל שפּאַצירען... אויף דער לופט...

— איך געה אויך שפּאַצירען...

כ׳האָב געשמייכעלט.

— קומען זי... זי געהען? — האָט פעסעלע געזאָגט.

כ׳בין געגאַנגען מיט איהר.

מיר זענען געגאַנגען הינטער׳ן שטעדטעל. ערטערווייז זענען געלעגען שטיקער גרינע פעלד מיט ליימיגע, מוטנע „גלינקע־וואַסער־לעך“, פון אַ ניט־ווייטער „צעגעלניע“, וואָס האָט זיך געצייכענט אינ׳ם הימעל אַריין, מיט אַ הויכען שוואַרץ־פערוויכערטען קוימען; אַרום זענען געלעגען אָנגעוואָרפענע קופּעס שטיינער, האַלבע ציגעל...

פעסעלע איז געגאַנגען נעבען מיר, לאַנגזאַם, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען, אַרויסשטעלענדיג פריהער דאָס ווייסע שירמיל...

אַ ווינדטעל האָט געוועהט אויף אונז, עפּיס אַ מאָדנע געפיהל האָט געצאַפּעלט אין מיר, כ׳האָב זיך געפיהלט ניט פריי, ווי געבונדען; ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ווען פעסעלע זאָל מיך יעצט באַפרייען, אַוועקגעהן פון מיר, וואָלט איך פריי געאָטעמט; כ׳בין געווען זיכער, אַז פלוצלינג וועט זי מיך געבען אַ פרעג עפּיס אַזעלכעס, וואָס כ׳וועל ניט וויסען, וואָס צו ענטפערן, — דאָך איז מיר געווען אַזוי מאָדנע גוט....

מיר זענען געגאַנגען ווייט אונטער׳ן שטעדטעל. פעסעלע האָט געפרעגט:

— זי האָבען גערעכענט, אַז מיר זאָלען היינט געהן צוזאַמען שפּאַצירען?...

— כ׳האָב געוואוסט, אַז מיר וועלען זיך טרעפען....

זי האָט דראָבנע געלאַכט, מיט קליינע, קלאָרע ביינדלעך...

— אַזוי... און ווי רופט מען איהן?...

— מיך?... לייבל...

— ניין, לייבל... לעאָן...

כ'האָב זי ניט איבערגעשפּאַרט. זי האָט געשמייכעלט.

— מיך רופט מען פּאָלציע!...

מיר זענען ווייטער געגאַנגען, איך האָב געפרעגט:

— זי לייענען פּויליש?

— אַ פראַגע, נאָר וואָס דען?

— איך אויך...

זי האָט געזאָגט, קוקענדיג זייטיג אויף מיר:

— כ'לעז היינט אַ ביכעל... אָ, כ'האָב פֿערגעסען, ווי דאָס הייסט... כ'זאָג איהן, אַזאַ גוט ביכעל, ס'ווילט מיך אַזוי, בלויז ליעבעס...

דאָ בין איך געבליבען אָהן ווערטער, ווייל דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען, האָט זי געזאָגט.

— איך אויך... — האָב איך שטיל און פֿערלירען ווי נאָכ־געזאָגט...

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, זענען אָנגעקומען עטליכע מיידלעך, פּעסעלע'ס חברטעס, און מיר אַלע צוזאַמען זענען אַוועקגעגאַנגען ווייט אין פֿעלד אַריין און זיך אויסגעזעצט אויפ'ן גראָז.

פּעסעלע האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר איהרע אַלע חברטעס, אַ לאַנגע צייט זענען מיר אַלע געזעסען, און געשוויגען; און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע וואַרטען, איך זאָל עפּעס זאָגען; כ'האָב אָנגעהויבען לייזען דערפון. נאָר פּלוצלונג, איך ווייס אַליין ניט צו וואָס, האָב איך אַרויסגעשלעפּט פֿון דער בוזעם־קעשענע אַ בלעטעל פֿון אַ העפט, אויף וועלכען ס'איז געווען עפּעס אָנגעשריבען אויף פּויליש, און, ווייזענדיג עס פּעסעלען, אַ זאָג געטהון:

— ס'געפעלט איהן מיין האַנדשריפט?...

— אָ, זעהר אַ שענע האַנדשריפט...

דאָס בלעטעל איז דערווייל געגאַנגען פֿון איין האַנד צו דער צווייטער. וואָס אַ מאָל, איז געוואָרען שטילער. די מיידלעך האָבען זיך גענומען איבערקוקען מיט בריט־געעפענטע אויגען, און פּלוצלונג האָבען אַלע אויסגעשאָסען אין איין קלינגענדיג געלעכטער...

אַ היץ האָט מיך באַשלאָגען. כ'האָב געפיהלט, ווי מיין פּנים

האָט זיך פֿאַרקרימט אין אַ הינענדיגען שמייכעל, און נעהמענדיג דאָס בלעטעל פֿון פֿינגערלע'ס האַנד, האָב איך געמורמעלט:

— וואָס לאַכען זי... כ'שרייב ניט שיין?...

— אָ, נעהר אַ שענע — חאַ-חאַ-חאַ — האַנדשריפֿט! — האָבען עטליכע געענטפֿערט. און ווי מיט האַמערס איבערן קאָפּ, האָט מיר געקלאַפּט דאָס הילכיגע געלעכטער פֿון די מיידלעך...

די מיידלעך זענען אָבער באַלד שטיל געוואָרען, גאָר שטיל, אזוי, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבען זיך צו עפּעס צוגעהערט...

עטליכע מיידלעך האָבען פֿאַר-זיך שטיל אויסגעהוסטען, און געקוקט איינע אויף די צווייטע מיט פֿאַרהאַלטענע שמייכלעך; און פּלוצלונג האָב איך דערפֿיהלט, ווי מ'האָט מיר אַ שנעל געטהון הינטען אין אויער אַריין. כ'האָב זיך האַסטיג אומגעקוקט, און מיט אַ תמעוואַטען שמייכעל אָנגעקוקט די מיידלעך. אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, האָב איך אָבער געכאַפּט אַ שנעל אין צווייטען אויער אַריין; דער שנעל האָט שוין אַ בריה געטהון. כ'האָב זיך אַ חאַפּ געטהון, און דערזעהן, ווי פֿינגערלע'ס פאַסט-צוען פ'הענטעל...

כ'האָט מיך פֿאַרקלעמט בײַם האַרץ, און כ'האָב געשמייכעלט מיט טרערען אין די אויגען...

אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, האָט זיך מיין נאָז צוגעשלאָגען אין אַ שטייף-אָנגעשטעלטען פֿינגער פֿון אַ מיידעל. דאָ האָב איך שוין אַ קרעכץ געטהון, און קרעכצענדיג זיך געבעטען:

— אוי, אוי, הערען זי אויף... הערען זי אויף...

די מיידלעך האָבען זיך צוקאַלירט אין אַלע זייטען פֿאַר געלעכטער...

— נו שוין, נו שוין! — האָט מיך פֿינגערליג באַרוהיגט און מיר אַ לייכטען גלעט געטהון איבערן פּנים...

דער גלעט פֿון איהר ווייכען הענדטעל האָט מיך מאַקע אינגאַנצען באַרוהיגט, און כ'האָב זיך צושמייכעלט מיט גלאַנציגע אויגען פֿון טרערען...

די מיידלעך, דערזעהענדיג דאָס, האָבען מיך אָנגעהויבען גלע-

מען אזוי שנעל, אז כ'האב זיך איינגעגעסן אויפן אויסגעצויגענעם אויף דער ערד, אזוי ווי א הינטעל, וואן מ'גלעט עם איבערן בייכעל...

א קיצעלדיגער ציטער איז מיר דורכגעלאפען איבערן לייב, און כ'האב ווייטער אנגעהויבן בעטען:

— אוי, אוי! הערען זי אויף... הערען זי אויף...

— נו שוין, נו שוין! — האט מיך פאנעלע בערוהיגט און זיך צוגעזעצט נעהענטער צו מיר. זי איז געזעסן אזוי נאהענט, אז איהרע קניע איז געווען אנגעשפארט אין מיינע, און כ'ווייס ניט פארוואס דאס האט מיר דעם אטעם פערכאפט, — כ'האב שוין מעהר ניט געקאנט עטעמען... כ'האב זיך א ביסעל אבגערוקט.

די מעדלעך זענען גאר שטיל געווארען, פאנעלע האט זיך צוגערוקט.

איך רוק זיך — זי נאך מיר, און זי קוקט אויף מיר מיט אזעלכע אויגען, אז איך הייב-אן מורא האבען פאר איהר...

דערווייל רוקען זיך אלע מעדלעך ארום מיר, איך בלייב אין דער מיט, ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, און א מעדעל א קליינס, א פלינקס, מיט א שפיציג נאזעלע, מיט קליינע, שנעלע ציינדלעך, לעגט מיר ארויף א הענטעל אויף דער פליצע, און רעדט שנעל, מיט די קליינע ביינע ציינדלעך:

— זינגען זי עפיס, פאניע לעאן!

— יא, יא, זינגען זי עפיס, פאניע לעאן! — העלפט-אונטער פאנעלע, און דריקט מיר שטארקער צו די קניע מיט איהרער; און אלע מיט-א-מאל, הויבען מיך אן צו גלעטען, צו רייסען און צו שלעפען: „זינגען זי עפיס! זינגען זי עפיס!"... און מיר פערדרעהט זיך דער קאפ, כ'ווער ווי פערשכורט, און ס'דאכט מיר, אז מ'קאלערט מיך, מ'קאלערט מיך! און ווער ווייסט, ווי מ'וועט מיך נאך פערקאלערן...

— אוי! — גיב איך א געשריי; מ'האט מיר, דאכט זיך, פון הינטען געגעבען א שטאך מיט א שפילקע — ווער שטעכט??!...

איין מיידעל האט זיך הילכיג צולאכט, און א צווייטע האט שטיל א זאג געטהון:

— הער אויף... הער אויף...

און ווייטער פֿיל איך, ווי מ'קאַליִרט מיך, אַט דורך אַ גרוב, אַט אויף אַ שטיין; אין קאָפּ רוישט מיר, ס'איז מיר שרעקליך הייס.

— זינגען די עפּים! זינגען די עפּים! — הער איך, ווי מ'שרייט איבער מיר; און איך הער ווי איך זינג, דער צונג דרעהט זיך מיר שנעל:

— לאַ—לאַ—לאַ—לאַ=לאַ...

ס'איז שוין געווען גוט נאַכט.

אַרום אויף די „גלינקעס" איז שוין פֿינסטער געווען. און דער הויכער, שוואַרצער ציגעלניע-קוימען האָט ווי אַ ריזיגע, גרויסע שרעק געטאָרטשעט אין ביינאַכטיגען הימעל אַריין. כ'בין געזעסען איינגעפּאַקט צווישען די מיידלעך, אַ שטילע היץ האָט זיך אין מיר געגאָסען.

ס'איז געווען שטיל.

כ'האָב געפֿיהלט, ווי פּעסעלעס האַנד גליצט זיך איבער מיין קאָפּ.

פּלוצלינג האָט זיך פּעסעלע צוגעבויגען צו מיר, און אירע קליינע, ווייכע פֿינגערלעך האָבען מיר אָנגעהויבען קיצלען, — אויפ'ן האַלז, אונטער'ן קאָלנער. כ'האָב דעם קאָפּ טיף אין די אַקסלען אַריינגעגראָבען, און געשמייכעלט. איהר הייסער אָטעם האָט געוועהט איבער מיין נאָז און ליפּען; אַ מיעדיגקייט האָט זיך צוגאָסען אין אַלע מיינע גלידער, און מיעד=אויסציהענדיג זיך, האָב איך זיך געבעטען:

— אוי, אוי, ס'איז מיר הייס... לאָזען זי מיך אָב...

— באַלד, באַלד! ס'איז ניט הייס! — האָט פּעסעלע מאָדנע שווער אַרויסגערעדט, און מיך אַזוי שטאַרק אָנגענומען אויבען ביי דער האַנד, אַז כ'בין אַזש אויפגעשפּרונגען; נאָר די מיידלעך האָבען מיך רוהיג און לאַנגזאַם צוריק אויסגעצויגען...

כ'בין געבליבען ליגען מיעד, און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מ'ציעסט אויף מיר וואַרעם וואַסער...

פּעסעלע האָט זיך נאָך אַ מאָל צוגעבויגען צו מיר, און פּלוצלינג געפֿרעגט:

— איך בין אַ שענע?

— אוי, אוי, ווענען זי אַ שענע...

— און איך? — האָט אַ צווייטע געפרעגט.

— אויך!...

— נו, און איך? — האָט זיך צוגעיאָגט דאָס שנעלע מעדעל, מיט די נייע ציינדלעך.

זי האָט מיך אין דער מינוט געשראָקען, זי האָט אויסגעזעהען, ווי אַ ווילד וויך הינטעל; ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי האָט אויף דעם שמאָלען, שפּיציגען גאָמבעלע איינציגע, ווייסע, גלייך־געשפּראָצטע וואַנסעלעך...

— אוי! מוועט בייסען! — האָב איך אַ געשריי געטהון, און מיין קאָפּ איז פּלוצלונג אַרויסגעפאַלען אויף עפּיס הייכעס, וואַרעמעס...

און ווייטער האָב איך דערפיהלט, ווי מ'קאָלערט מיך, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. און אין האַלז איז אַזוי דיכט, ווי כ'וואָלט געטרונקען האָניג... כ'האָב אויפגעהויבען אַ האַנד, און אָנווייזענדיג אויף פּעסעלע'ס האַלז, האָב איך אַרויסגערעדט מיט אַזאַ שטימע, ווי עס רעדט איינער, וואָס מ'קיצעלט איהם:

— אוי, האָבען... זי... דאָ שען...

— נו, טאָ ריהרען זי אָן... — האָט פּעסעלע שנעל געענטפערט, אַראָפּלאָזענדיג צו מיר איהר קלאָרען, ווייכען האַלז.

— הע... הע... ריהרען? — האָב איך זיך צושמייכעלט.

— נו, יאָ, ריהרען זי אָן... — זי האָט געוואָלט אָנגעהמען מיין האַנד, נאָר איך האָב זי שנעל בעהאַלטען...

אין אַ מינוט אַרום האָב איך ווידער אָנגעוויזען מיט אַ האַנד אויף פּעסעלע'ס קיילעכיגען אַקסעל:

— ק־כע... און דאָ האָבען... זי אויך אַזוי שען...

— נו, ריהרען זי אָן... פּאַניע לעאָן!... — איז פּעסעלע צו מיר צוגעשטאַנען מיט אַ מאָדנע ערנסט, זי האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנד, און מיט איהר אַ פיהר געטהון פון איהר האַלז — ביז איבער'ן ברוסט...

— נו, רירט זי אָן...

איך בין אויפגעשפּרונגען, ס'האָט מיר אַ מיש געטאָן פאַר די אויגן, ס'האָט מיר געדאַכט, אַז כ'טאַנץ מיטן קאָפּ אויף דער ערד און מיט די פיס אַרויף... פּעסעלע האָט מיך נאָך פעסט געהאַלטן ביי אַנאַרבל, און אייַנגעשפּאַרט געמורמלט:

— אַז מ'זאָגט אַנרירן... רירט מען אָן...

איך בין אײַנגאַנצן צעטרייסלט געוואָרן, כ'האָב אָנגעהויבן טאַנצן, מיט די פיס אויף איין אָרט, געוואָרפן מיט די הענט, און געשריגן:

— אוי, איך וויל נישט... לאָזן זי מיך אָפּ...

די מיידלעך האָבן זיך מיט ברייט־געעפנטע אויגן איבערגעקוקט, עטלעכע האָבן זיך שטיל אונטערגעלאַכט.

און פּעסעלע האָט מיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַנאַרבל, און אײַנגעשפּאַרט געמורמלט:

— אַז מ'זאָגט אָנרירן...

— מיין באָבע איז מיר געשטאָרבן! — האָט איין מיידל אַ געשריי געטאָן, און האָט מיר דערלאַנגט איבערן קאָפּעלוש, וועלכער איז מיר אַריבער איבער דער נאָז, קאַלטע מאַטעריע דעם בטרוצעל־פאָרם...

כ'האָב שוין פאַר זיך נישט געזען קיין מיידלעך, נאָר קלענערע קליינע הענטלעך האָבן זיך געפּלאַטשט איבער מיין קאָפּ, לייבל. פיל הענדיגע בלוזקעלעך האָבן געפּלאַטערט איבער מיר, און דאָס האָט מיר אַזוי וויי געטאָן...

כ'האָב זיך מיט אַלע כוחות אַרויסגעריסן פון פּיסגעלעס הענט, און גענומען לויפן אַהיים, נאָר דאָ האָבן זיך די מיידלעך אַ לאָז געטאָן נאָך מיר, ווי אַ חברה טייוואָלים. כ'בין געלאָפן מיט אַ בין הילצערנעם שטעקן, שטעלענדיג מיינע פיס אויף שטיינער...

— אוּ־ר־ר־ראַ! „פּאַצעט“! „האַנדשריפט“!... — האָב זיך געהערט הינטער זיך אַ געשריי, וואָס האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ הילכיג געלעכטער.

— אוּ־ר־ר־ר־אַ! „פּאַצעט“! „האַנדשריפט“!...

מיט אַ קאַלטען שווייס אויפ'ן גאַנצען לייב, בין איך אַהיים געקומען. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך אין היץ געוואָרפען, ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין האַנד גליצט זיך איבער'ן קלאַרען, ווייכען האַלז און ביוזעם פון פעסעלען, און מיינע ליפּען האָבען געמורמעלט:

— אוי, אוי, הערען זי אויף... הערען זי אויף...

אויף מאָרגען אין־דער־פריה, ווען איך בין דורכגעגאַנגען דורך דער „רעזורע", מיט די מאַטע מילך־שויבען, איז „איגנאַץ" דער שווער געשטאַנען פאַר דער טהיר, מיט אַ ווייסער וועסט, אין אַ גלייכען, פייכטען שריינט פערקעמט. דערזעהענדיג מיך, האָט ער זיך אַ נויג געטהון, מיט אַ שמייכעל אין די גלאַנציגע אויגען, און אַ זאָג געטהון צו מיר אויף פּויליש:

— „צאָ סליכאַטש, פּאַניע האַנדשריפט?"...

בילדונגס קאמיטעט

II.

רוזשע.

רוזשע.

צו מיין שוועסטער איז כמעט אלע טאג געקומען א מיידעל, איהרע א חבר'טע, און האט געמעגט זיין, ווי אומעטיג אין שטוב — האט זי שטענדיג געפונען אזעלכעס, וואס זאל ביי איהר ארויסרופען א פרעהליך-קלינגענדיג געלעכטער; און געלאכט האט דאס מיידעל, ווי א זילבערן גלעקעלע...

מיין באבע, וואס איז שטענדיג געזעסען אין א ווינקעל פון אלטקייט און געקוקט מיט איהרע רויטע, ארומגעליאמעוועטע אויגען אויף יעדער בעוועגונג פון דער שטוב, — האט אלע מאל געזאגט אויף דעם מיידעל, אז, ערשטענס, האט זי געמוזט געבוירען ווערען אום פורים, צווייטענס — מוז זי זיין א גרויסער נאר, ווייל א קלוגע קען ניט שטענדיג זיין פרעהליך און האלטען אין איין לאכען...

ווען זי איז געבוירען געווארען—ווייס איך ניט, צי זי איז א נאר, צי זי איז א קלוגע — ווען מיר שפעטער זעהן; איך ווייס נאר אז זי איז מיר זעהר, זעהר געפעלען און אממיינסטענס איהר לאכען — אוי, איהר געלעכטעריל: ליכטיג איז אין שטוב געווארען, ווען זי האט געלאכט — אוי איהרע שווארצע אויגעלעך מיט די דינע בלוטיגע ליפּעלעך, וואס הויבען זיך שנעל, שנעל, רעדען און דערצעהלען, מיט א רין-קלינגענדיג קולעכ'ל, ווי זי וואלט געזונגען...

רעדען מיט מעדלעך איז דעמאלט געווען פאר מיר א שווערע זאך, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען עפּעס צו ענטפערען א מעדעל איז דאס

געווען פאר מיר עפעס א מין בעזונדערע ארבייט, ענליך צו דער ארבייט פון ענטפערען מיין רייכער מוהמע, ווען זי פרעגט מיך, וואס איך מאך? און דערלאנגט מיר גלייכצייטיג צום קושען א דיקע, שווערע האנד אין א דינער האלבער הענדשקע...

וואס עס האט אבער צו דעם לאכענדיגען מיידעל רוזשע, האב איך צו איהר געפיהלט א בעזונדערע נאהענטקייט, וואס האט זיך געקענט אויסדריקען אין דערלאנגען איהר א שטוהל, איבערלייגען איהר זשאקעט פון איין ארט אויפ'ן אנדער'ן און נאך אזעלכע זאכען, פון וועלכע איך האב געהאט א מאדנע אונרוהיג פערגעניגען און זי רוזשע, זעהט אויס — א גאנץ קליינעם בעגריף וועגען מיינע געפיהלען צו איהר...

פון א קורצער צייט אבער בין איך געווארען צו איהר גאר נאהענט, און די נאהענטקייט האט זיך גענומען דערפון, וואס זי האט מיר אנגעהויבען צו דערלאנגען איהר האנד ביי איהר קומען און אוועקגעהן; נאר ביי דעם בין איך אבער ניט איינמאל אזוי פערשעמט געבליבען, אז כ'האב געפיהלט ווי א רויטקייט האט זיך צוגאסען איבער מיין פנים. דאס האט זיך גענומען דערפון — וואס כ'האב נאך, זעהט אויס, ניט געקאנט די קונץ פון געבען די האנד, ווייל ווי כ'האב נאר רוזשען דערזעהן אויף דער שוועל, האט זיך שוין אין מיין רעכטער האנד א מאדנע שטייפקייט אריינגעגאבען, און שטענדיג איז מיר אויסגעקומען איהר צו שטעקען די האנד, ווען זי האט זי גאר עמיצען אנדערש דערלאנגט, און ניט איינמאל האב איך צוריקגענומען מיין האנד, אזוי ווי א מין איבעריגע זאך וואס קיינער וויל זי ניט צונעהמען...

רוזשע האט זיך אבער שטענדיג דערמאנט אין מיר, און צולאכענדיג זיך הויך און קלינגענדיג, מיר דערלאנגט די האנד, זאגענדיג צו מיין שוועסטער:

— א מאדנער יונגעל דיין ברודער, שטענדיג פערגעס איך איהם די האנד צו געבען...

ביי אזעלכע פאלען האט זיך א סך מאל אויסגעלאזט נאך טרויעריגער: כ'האב פונקט עפעס געהאלטען אין דער האנד, און פערגעסענדיג אין דער מינוט וועלכע ס'איז די רעכטע און וועלכע ס'איז די לינקע, האב איך זיך אזוי צומישט, אז איך האב שוין גארניט געוואוסט וואס צו טוהן, ביז וואנען מיין שוועסטער האט זיך אנגערופען:

— לאז איהם אב סט'איהם שוין אנ'אנדערש מאל אבגעבען...

און דעמאלט הענגט שוין מײַן האנד ווײַטער אין דער לופט, נאָר רוזשע איז שוין ניטאָ, פון אַ צווײַטען ווינקעל הערט זיך שוין איהר קלינגענדיג געלעכטער'ל...

אײַנמאל, דאס איז געווען אין אַ ווינטער-אָוועַנד, קומט צו געהן רוזשע, די בעקלעך רויט פון קעלט, טרײַסעלט אָב פון זיך דעם שנײ, און האטש ס'איז אַזוי קאלט אין דרויסען, און אין שטוב איז שווער און אומעטיג; די באָבע זיצט נעבען אײַנגעהײַצטען אויווען, אײַנגענורעט אין אַ גראָבען שפּענצער, וואס זיצט אויף איהר אַזוי ווי אַ פּעסעל, — איז רוזשע פרעהליך און פלינק אַזוי ווי אלע מאל, לויפט ארום איבער דער שטוב, אַזוי ווי אַ פײַגעלע, און איהר געלעכטער'ל קלינגט איבער דער שטוב מיט אַזא פרעהליכקײַט און ווארעמקײַט, אַז איך פערגעס גאָר, אַז אין דרויסען איז קאלט און שנײאיג. און ווען רוזשע געזעגענט זיך צום אוועקגעהן, פאלט מיר אײַן אַ געדאנק, אַז כ'זאל זי געהן אָבפיהרען, „יאָ, כ'וועל טאקע אַזוי טאָן! וואס איז, כ'בין דען אַ קינד?... ס'פּאסט מיר דען ניט אַז כ'זאל געהן אָבפיהרען?“ און איך רוף מיך אָן:

— כ'וועל איהן אָבפיהרען אַהײם!

— וואס? אָבפיהרען אַהײם... חאַ-חאַ-חאַ! נו גוט, וועל איך האָבען אַ קאַוואליער אויפ'ן וועג — ענטפערט רוזשע לאכענדיג! און נעמט מיך אונטער דער האנד.

האָב איך דאָך אָבער אַ באָבע, וואס מוז זיך אומעטום אַנרופען, ציעלט זי אָן אויף מיר איהר גאָמבעלע, וואס זעהט אויס ווי אַ שפּיציג קיזעלשטײנדעל און רעדט:

— געה, געה, שלימזול, טאָמער דארפסטו נאָך דערפרוירען ווערען אויפ'ן וועג!...

פיהל איך, ווי אַ רויטקײַט פערגיעסט מײַנע באקען, און וועלענדיג גוט אָבענטפערן דער באָבען, זאָג איך שנעל:

— מיר איז ווארימער ווי דער באָבען!...

רוזשע צוקאָלערט זיך אין אַ קלינגענדיג געלעכטער, און די מאמע שרײַט פון אַ ווינקעל:

— זאָג נאָר, „קלוגער מענש“! רעד ניט אַנטקעגען דער באָבען! „קלוגער מענש“ דאס איז דער צונאָמען, מיט וועלכען מען רופט

מיך אין שטוב, דעם צונאָמען האָט מיר אויך געגעבען מיין באָבע, חאָטש אליין האָט זי שטענדיג געזאָגט, אז אין די אויגען טאָר מען קיין קינדער ניט לויבען...

איך האָב זיך אָבער געהאַלטען ביי דאָס מיינינגע: ס'האָט ניט געהאָלפען, וואָס אלע האָבען מיך געוואָרענט; אפילו מיין שוועסטער האָט שוין אויך א זאָג געטהון:

— לאָז אָב, וועסט שוין אנ'אנדערש מאָל אָבפיחרען!

נאָר איך האָב קיינעם ניט געהערט, „וואָס בין איך עפּעס א קינד?" איך האָב געפיהלט אז אָט, אָט צעוויין איך זיך פאַר פערדראָס; נאָר דאָס איינציגע, וואָס האָט מיך אָבגעהאַלטען איז געווען רוזשע. „אלע מעגען אָבפיהרען נאָר איך טאָר ניט?" כ'האָב א סך גערעדט און אויפגעוויזען, וואָס כ'האָב גערעדט ווייס איך ניט, כ'האָב נאָר געהערט ווי אלע האָבען געלאַכט, און רוזשעס געלעכטער האָט אַלע איבערגעקלונגען. כ'האָב שנעל גענומען דעם פאַלטאָ און אויסגערעכענט, אז ביז דער צייט זאָל שוין רוזשע האָבען אָנגעטון די קאָלאָשען, איך זאָל קענען עפענען די טיר, אום זי פריהער אַרויסצולאָזען...

— שלימזול, מאַך צו די טיר! האָסט פערגעסען אַז ס'איז ווינטער? — שרייט די באָבע.

נו, בין איך שולדיג, אז רוזשע סוד'עט זיך אזוי לאנג מיט מיין שוועסטער?..

אויף די שטיגען איז פינסטערליך — וואַרט איך, און גיב דעם וועג פריהער רוזשען. איך געה הינטער איהר.

— אלץ וואָלט געווען גוט, איהר זאָלט מיר ניט טרעטען אויפ'ן קליידעל, איהר וועט מיר צוריי̆סען, — רופט זיך אָן רוזשע

כ'הויב אָן צוגעהן לאַנגזאַמער און שפּרינגענדיג.

— אָט, איהר האָט שוין ווידער אָנגעטראָטען, כ'וועל היינט אַראָבפאַלען פון די שטיגען, — צולאַכט זיך רוזשע.

איך לייד דערפון, נאָר וואָס בין איך שולדיג, אז רוזשע געהט פריהער פאַר איהר קליידעל?..

מיר געהען אַרויס אויף דער גאַס.

ס'איז אַ פּייַכטע קעלט, און פונ'ם הימעל שיט זיך לאַנגזאַם אַ קאַלטער נאַסער שניי.

— סע שנייט! — זאָג איך.

— יאָ, זעהט אויס אַז ס'שנייט! — ענטפערט רוזשע, און צולאַכט זיך.

„וואָס איז דאָס געלעכטער" — קלעהר איך — „אודאי שנייט".

נאָר רוזשעס געלעכטער געפעלט מיר שטענדיג — און כ'קלעהר מיר: „ס'איז גאַנץ גוט, אַז אַ מיידעל לאַכט" — אַלע מיידלעך לאַכען, דאַכט זיך, ווען מ'זאָגט זיי עפּעס"...

געהען מיר וויַיטער — און פּלוצלינג דערצעהל איך רוזשען, אַז מיר האָבען אַ שכנ'טע. ביילע, און די שכנ'טע ביילע האָט אויך אַ יונגעל אַזוי ווי איך, איז ער דאָס יונגעל, אהרון הייסט ער, טראָגט שוין אַ קאַפּעליוש און געהט אין אַ געשעפט אַריין — איך געה ניט אין קיין געשעפט אַריין, איך וויל זיין אַ סטודענט...—און ער—דאָס יונגעל אהרון, האָט מיר דערצעהלט, אַז ר'האָט שוין אַ כלה און אַלע שבת געהט ער צו דער כלה...

— אוי, אויף מיין וואָרט ר'האָט שוין אַ כלה! — זאָג איך און איך וואַרט, אַז רוזשע זאָל זיך פערוואונדערען, וואָס אהרון האָט שוין אַ כלה, נאָר רוזשע לאַכט קליינגענדיג און פרעגט מיך:

— נו, און איהר האָט נאָך ניט קיין כלה?

— ווער, איך? איך האָב ניט קיין כלה! צו וואָס טויג מיר אַ כלה?..

אין אַ מינוט אַרום זאָג איך:

— און נאָך עפּעס האָט ער מיר דערצעהלט.

— וואָס האָט ער אייך נאָך דערצעהלט?

— אוי, ר'האָט מיר דערצעהלט, כ'שעם זיך צו זאָגען!

— וואָס האָט ער דערצעהלט?

און ווען איך זעה, אַז רוזשע לאַכט און איז צופריעדען פון דעם, וואָס איך דערצעהל איהר, ווער איך לעבעדיג און רעד וויַיטער:

— חע-חע-חע! ער זאָגט... אַז די מיידלעך האָבען ליעב... ווען מ'גיט זיי אַ קוש... חע-חע-חע! אוי, אויף מיין וואָרט אַזוי האָט ער געזאָגט... אַז די מיידלעך אַליין ווילען מ'זאָל זיי קושען, חע-חע-חע...

— אַזוי, פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— איך ? איך ווייס ניט ! ער, אהרון, זאָגט אַזוי, ער זאָגט נאָך עפּעס. חע-חע-חע ! נאָר איך וועל איהן שוין ניט דערצעהלען.

רוזשע לאַכט, און אָנהאַלטענדיג זיך אָן מיר, זי זאָל זיך ניט אויסגליטשען, זאָגט זי:

— דערצעהלט, דערצעהלט ! שעמט זיך ניט !

— אַזוי ? נו גוט, געה איך איהן דערצעהלען ! און כ'דערצעהל:

— ע — איינמאָל איז ער, אהרון, געגאַנגען צו דער כלה, האָט ער מיר געוויזען, וואָס ער האָט איהר אוועקגעטראָגען אַ פּרעזענט.

— וואָס האָט ער אוועקגעטראָגען ?

— אוי, ס'איז ניט שיין, כ'וועל ניט זאָגען !

— אָדער זאָגט — אָדער דערצעהלט אינגאַנצען ניט ! — האָט זיך רוזשע געבּרוגז'ט.

— אַזוי ? טאָ געה איך זאָגען, — חע-חע-חע ! ר'האָט איהר צוועקגעטראָגען, חע, זאָקען-בּענדליך !

— וואָס האָט ער אוועקגעטראָגען ?

— זאָ — אָ קען-בּענדליך, חע-הע-חע !..

— נו, איז וואָס ? — לאַכט רוזשע, — אַ גאַנץ שיינער פּרעזענט; און וואָס וועט איהר קויפען אייער כלה ?

— אוי, כ'ווייס דאָך ניט, וואָס די כלה וועט מיר הייסען, וועל איך קויפען !..

רוזשע לאַכט און איך דערפיהל אויף זיך פּלוצלינג אַזוי פיעל זינד פאַר דעם אַלעם, וואָס כ'האָב איהר דערצעהלט און איך רעד אַ סך, און פערענטפער זיך, אַז איך בּין גאָרניט שולדיג, אַז אַלץ איז שולדיג אהרון, אַז ער דערצעהלט מיר אַלץ, איך בּין אַ אָרענטליך יונגעל, איך וועל קיינמאָל ניט קושען מיין כלה...

— — — — — — — — — — — — —

— אַט יעצט, — זאָגט רוזשע, — וועט איהר זיין אַזוי גוט אויס-ווארטען דאָ בּיים טויער אַ פּאָר מינוט, כ'געה אַרויף צו מיין חבר'טע, גוט ? איהר וועט אויסוואַרטען ?

— יאָ, גוט ! — זאָג איך — כ'וועל אויסוואַרטען !

און רוזשע פערשווינדט אין אַ טויער, נעבּען וועלכען איך בּלייב שטעהן און וואַרט.

כ'שטעה שוין א פאר מינוט, דער נאסער שניי קלעפּט זיך לאנג־זאם צו מיין פּנים, די הענד זענען נאס און דערפרוירען.

ס'דאכט מיר, אז רוזשע געהט שוין — כ'הער טריט. ניין! ס'איז דער סטרוזש, איינגעוויקעלט אין א גרויסען פּעלץ, מיט א קאלנער, אזוי ווי א גרויסער ווילד־פערוואקסענער הונד.

— צו וועמען פרעגסטו זיך? — פרעגט דער סטרוזש.

— כ'ווארט דא! — זאג איך.

— אויף וועמען ווארטסטו?

— כ'דארף דא ווארטען!

— דא, — זאגט ער — איז ניט קיין ארט צו ווארטען, ווארטען — זאגט ער — ווארט מען אין גארטען.

געה איך אביסעל אב פון טויער און ווארט ביי א זייט, הויבט זיך מיר באלד אן דאכטען, אז רוזשע איז שוין לאנג דורכגעגאנגען און איך האב זי ניט געזעהן.

און נאסע, קאלטע שנייעלעך קלעפען זיך לאנגזאם צו דער נאז, צום האלז, כ'פיהל שוין קיין הענד ניט, קיין פיס ניט; און רוזשע ווייזט זיך ניט.

איך ווייס ניט ווי לאנג איך בין געשטאנען נעבען טויער און געווארט, איך ווייס נאר, אז אין די לעצטע מינוטען איידער ס'איז פאר־געקומען דאס וואס איך וויל דערצעהלען, בין איך כמעט אינגאנצען א דערפרוירענער געשטאנען, מיט א צוגעדריקט הארץ און א פערקרימט פּנים. ערשט דעמאלט האב איך דערהערט רוזשעס קלינגענדיג געלעכטער'ל פונ'ם טויער ארויס.

יא, רוזשע! נאר מיט וועמען לאכט זי עס? מיט וועמען רעדט זי עס?

און אט איז רוזשע דורך פאר מיר, א פלינקע, א שפּרינגענדיגע, נאר ניט אליין איז זי, נעבען איהר איז א יונגערמאן, רעדט צו איהר און בויגט זיך צו איהר, אנטוהענדיג א הענדשקע...

צום ערשטען דוכט זיך מיר, אז זיי געהען גאר בעזונדער, אז ער האט גארניט קיין אנהאנג מיט איהר, נאר ווען איך זעה, אז רוזשע איז שוין א שטיקעל וועג אבגעגאנגען און קוקט זיך ניט אום אויף מיר, טהו איך מיך א לאז צו איהר.

נאר איידער כ'קום צו צו איהר, זעה איך, ווי דער יונגערמאן רופט פון דער צווייטער זייט גאס א שליטעלע...

איך בין שוין געווען נאָהענט פון רוזש־ן, ווען זי האָט זיך די ערשטע אין שליטעל אַרײַנגעזעצט, דער יונגערמאַן נאָך איהר. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר פון פראָסט האָבען זיך די ליפּען ניט בעוועגט, כ׳האָב זיך נאָר געקענט פערקרימען...

און אָט ריהרט זיך דאָס שליטעל פונ׳ם אָרט.

פאַר די אויגען טוט מיר אַ מיש: „איך האָב זיך מיט רוזשען ניט געזעגענט!“ פאַלט מיר איין אַ געדאַנק. איך גיב זיך אַ לאָז נאָכ׳ן שליטעל און שרײַ:

— אַ גוטע נאַכט רוזשע!

און רוזשע קוקט זיך אום, מיט גרויסע דערשראָקענע אויגען, נאָר באַלד צעוויגט זי זיך אין אַ ברייטען, קלינגענדיגען געלעכטער׳ל און ציהט זיך צו מיר ווי אַ פייגעלע, נאָר איך וויל זיך נאָר מיט איהר געזעגנען.

— אַ גוטע נאַכט, רוזשע! איך וויל איהר דערלאַנגען די האַנד אויפ׳ן שליטעל אַרויף, נאָר איך גיב זיך קרום אַ גליטש אוים אויפ׳ן שנײַ און כ׳דערפיהל אַ נאַסע קעלט אין די קניען.

— אַ גוטע נאַכט רוזשע!

נאָר דאָס שליטעל איז שוין ווייט פון מיר, און פון ווייטען הער איך רוזשעס געלעכטער׳ל, אויסגעמישט מיט דעם קלינגען פונ׳ם גלעקלע פון שליטעל...

— — — — — — — — — — — — —

עטליכע מענשען האָבען מיך אויפגעהויבען, זאָגענדיג, אַז מ׳איז מיך שיער איבערגעפאָהרען. איך האָב געשמייכעלט און געקלעהרט, אַז ס׳איז ניט שעהן, וואָס כ׳האָב זיך ניט געזעגענט מיט רוזשען; נאָר דאָך האָט מיך עפּעס אינעווייניג פערדראָסען, ווען כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן מײַן חבר אהרון, וואָס איז ניט עלטער פון מיר, און איז שוין אַ גאַנצער מענש, טראָגט אַ קעפּעליוש און האָט אַ כלה, און כ׳האָב פּלוצלינג דערפיהלט, אַז איך בין אַזוי ווייט פון אהרונ׳ען, ווי כ׳בין ווייט פון דעם יונגענמאַן, וואָס איז אַזוי פלינק מיט רוזשען אויפ׳ן שליטעל אַוועקגעפאָהרען...

פון יענעם אָבענד אָן איז מיר נמאס געוואָרען מײַן היטעל מיטן לעדערנעם דאַשעק מיט מײַן שמאָלער קינדער־מאַרינאַרקע. כ׳האָב אַלע מאָל אָנגעטאָסטען אהרונ׳ס קאַפּעליוש, זיך געשפּיגעלט, און

ווען רוזשע איז געקומען, האָב איך איהר שוין קיין שטודל ניט דער־לאַנגט, נאָר כ'האָב זיך פערדרוקט אין א ווינקעלע און געוואַרט זי זאָל עפּעס זאָגען צו מיר.

האָט זי זיך געווענדעט צו מיר מיט א וואָר, האָט מיך א היץ בעשלאָגען, אַזוי אז כ'האָב שטענדיג געענטפערט אָולכעס, וועלכעס רוזשע האָט גישט פערשטאַנען...

און האָט זיך רוזשע אין דער מיר בעוויזען, האָט זיך דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק א הויב געטון, אז כ'האָב לאַנג דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּען.

און אין אנ'אָבענד אמאָל, ווען אין שטוב בין איך נאָר אַליין געוועזען (די באָבע איז געשלאָפען אין קיך), איז רוזשע געקומען. ווען זי איז אַריינגעקומען און געזעהען אז איך בין אַליין אין שטוב, האָט זי ניט געלאַכט, נאָר מאָדנע אַרום שטוב אַרומגעקוקט זיך, זי האָט זיך ניט געזעצט.

— קיינער איז ניטאָ? — האָט זי געפרעגט.

— קיינער ניט.

זי האָט זיך ניט געזעצט, נאָר נאָהענט נעבען מיר געשטאַנען, זי האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי איינער וואָס האָט געבּרענגט מיט זיך א שלעכטע בשורה.

רוזשע האָט פּלוצלינג געפרעגט א פּאָר פראַגעס אויף אמאָל, נאָר נאָך איידער כ'האָב געענטפערט האָט זי געזאָגט:

— אַזא בחור ווי איהר, דאַרפט שוין זיין א מענש און ניט טראָ־גען אַזא היטעלע.

איך האָב אַראָבגענומען ס'היטעל און געקוקט אויף דעם.

— לאָזט וועל איך אייך פערקעמען די האָהר מיט א שרינט!

און זי האָט אַרויסגענומען א קעמעלע פון איהרע האָהר, האָט זיך צוגעריהרט צו מיינע, און א ציטער איז מיר אַדורך איבער'ן לייב.

— באַלד, כ'וועל שוין אַליין!.. — האָב איך געזאָגט. נאָר מיין האַנד איז פּלוצלינג אַרויפגעפאַלען אויף איהר אַקסעל.

— לאָזט נאָר, אָט אַזוי! — האָט רוזשע שווער גערעדט, און האָט מיך א שטאָרקען דריק געטון צו זיך.

ס'האָט מיר געדאַכט, אז אין שטוב איז פינסטער געוואָרען...

— — — — — — — —

III.

שיינדעלע.

ז. סעגאַלאָוויטש.

אין קאַזמערזש.

פּאָעמא

ארבייטער פאראיין
בילדונגס קאמיטעט
ווארסעסטער, מאס.
2.50

תרע"ג — 1913

געזעצט בײַ א. שריפטגיסער. ווארשא, פאפּעזשינסקא 8.

КАЗМЕРЖЪ (поэма).

З. СЕГАЛОВИЧА.

Варшава, 1913.

Тип. „Универсаль“, Варшава, Лешно 31.
1912 г.

בילדונגס
קאָמיטעט
וואָרסעסטער, מאס.

I.

אין קאַומערש.

(פּאָעמא).

אַ מתנה אנקאַ ל.

כ'האָב ליעב דאָס פרעמדע לאַנד,
דאָס לאַנד פון צאַרטע ליעדער —
דאָ לעבט אַ גרויסער טרויער
ביי מיינע גלות-ברידער...

כ'האָב ליעב דאָז פרעמדע לאנד,
דאָס ל נד פון בונטע פארבען...
דאָ בין איך ניט געבוירען,
דאָ ווע, איך אפשר שטארבען...

בילדונגס קאמיטעט
וואוסטער, מאס.

1

אוןווידער אין קאַזמערש... וואַרט, פוהרמאַן, געלאַסען!
די פערד דיינע פליהען, ווי ווילדע פון באַרג...
און קינדער פיעל לויפען מיר נאך און בעגריסען,
און שרייען „דער פריץ!” און פרעהען זיך שטאַרק.
דער פריץ פערמאָגט אויף די וואָלקענס אַ פּאַלאַץ:
אין מערב-זייט הענגט דאָרט מיין גאָלדענעס הויז, —
אויף דר'ערד בין איך אָרעם, ווי אייערע טאַטעס,
חבֿט ניי איז מיין בגד, און רייך זעה איך אויס...
ווערט אייך זיך ווען גלוסטען, דאַן קומט אין מיין פּאַלאַץ!
איהר קינדערלעך קליינע, איהר חלומט נאָך ווען...
דערווײלע צעטייל איך אייך עטליכע גראָשענ'ס,
קויפט ניסלעך און שפּיעלט זיך, מען וועט זיך נאָך זעהן.

2

איהר קאָנט ניט דאָס שטעדטעל... עס מעג אייך פערדריסען;
דאָ שוועבען און לעבען לעגענדען אַ סך,
דאָ שפּיגלען אין טייך זיך פיעל בערג און פיעל סעדער,
דאָ ציהט זיך צום הימעל אַ שלאָס אָהן אַ דאַך...

אין שלאָס האָט געלעבט ווען דער עדעלסטער קעניג,
היינט קראַקען דאָרט קראָהען פון לאַנג שוין, אויף לאַנג...
און אָפּטמאָל ביינאַכט פאַלט אין פּאַלאַץ אַ שטערען,
נור קיינער געפינט ניט דעם הימעל'ס געשאַנק.
דאָ לעבט נאָך די אמת'ע יודישע פרומקייט
און שטאַרבט, ווי די אוראַלטע דעמבע ביים וועג,
דאָ ווייזט זיך נאָך אָפט אַ צעשראָקענע סערנע
און לויפט באַלד אַוועק מיט אַ גרעסערער שרעק...

3

דאָ שליינגלען זיך בערג פיעל מיט טאָלען געהיימע,
פיעל גרינע טונעלען בעוואַקסען מיט וואַלד,
אַ קוועלכעל אַ קלאָרער דערצעהלט אַלץ פון יוגענד,
חאָטש אַלט איז דאָס שטעדטעל, און אַלץ איז דאָ אַלט.
און ווייטער פון קאַזמערזש, גאָר טיעף אין די טאָלען,
שפּאַציר איך מיר אָפט אָהן אַ וועג, אָהן אַ פּלאַן:
עס טרוימט מיר אַ וואַלד-קינד, אַ נימפע אַ ווייסע,
עס טרוימט מיר דער וואַלד-גאָט, דער איינזאַמער פּאַן.
פרעמד זענען אַזעלכע הלומות אין גלות,
אַך! זאָל אייך מיין זינגען ניט פרעמד זיין אַזוי!
עס רופט די נאַטור אונז, עס רופט אונז איין שטימע,
נור נישט אַלע הערען — איך הער און איך געה...

4

איך ווייס ניט, פון וואַנענד איך האָב אַזאַ בענקשאַפט.
אין רויכיגער שטאָדט איז מיין יוגענד פאַרביי...
דאָך ציהט מיך פון שטאָדט-רויש צום רויש פון די בוימער:
אין וואַלד בין איך רוהיג, אין פעלד בין איך פריי...

כ׳האָב ליעב איבער מיר זאָל זיך ציהען דער הימעל,
דער אָפּענער הימעל אין בלענקט, אין בלוי,
כ׳האָב ליעב זיך צו בויגען פאַרנאַכט צו די בלומען,
פאַרנאַכט, ווען זיי טרינקען זיך אָן מיט דעם טוי.
און זעה איך, ווען קינדער זיך שפּילען אויף לאָנקעס,
נעהמט צאַפּלען מיין ברוסט דאַן פרייד און פערדרוס,
און הער איך אין שניט-צייט אַ ליעד אויף די פעלדער,
דערמאָהנען זיך דאַן מיר די צייטען פון רו״...

5

דריי קלויסטערס אין קאַזמערזש און אַלע דריי זענען
מיט בוימער פערינגעלט, מיט בוימלעך אַ סך;
און אונזער בית-תפילה, להבדיל, שטעהט איינזאַם,
פערדרוקט אין אַ ווינקעל, צעבראָכען דער דאַך...
אַ ניגון אַ פוילער פערשטאַרבט אין די ראַמען
פון אָפּענעם פענסטער... איך געה גיך פאַרביי;
דער ניגון בעגלייט מיך ניט ווייט מיט זיין טרויער,
ער ווערט באַלד צערונען אין זינגען פון מאַי...
ווי רופט מען די פויגלעך? ווי הייסען די בלומען?
עס האָט אונזער שפּראַך ניט קיין נעמען פאַר זיי:
בעשערט זיך צו פרעהען אַזוי, ווי אַ שטומער,
אַזוי, ווי אַ שטומער, פערבאָרגען דעם וועה...

6

מיט שניי-ווייסע קרויזען בעפּוצט זיך דער גאָרטען,
עס בליהען די קאַרשען, דער עפּעל-בוים בליהט,
אַ ראָזאָווער קוויט פליקט זיך אָב פון זיין צווייגעל
און שוועבט לייכט... און פליהט, ווי אַ פעדערל פליהט...

כ׳וואָלט וועלען אַזוי מיין נשמה בעפרייען,
אַזוי, ווי דאָס קווייטעל בעפרייט זיך פון בוים,
אַזוי, ווי אַ קינד, וואָס ענטלויפט וואו נאָך בלומען
און קומט שפּעטער גליקליך און פרעהליך אַהיים.
זי זיצט אָבער פעסט אין איהר שטייגעל פון זאָרגען,
און שפּייזט זיך מיט ספקות, און קאָן ניט זיין פריי.
מיין זעעלע, מיין אומרוה, האָטש איינמאָל אין לעבען,
זיי רוהיג אינגאַנצען, זיי גליקליך אין מאַי...

7

געבענשט זייט איהר, רוהיגע פּאַליעס פון ווייכסעל!
איהר טראָגט איצט אָהן שטורם אַוועק מיינע טעג.
פיעל שטיפערס, פיעל יונגלעך פערשווינדען פון חדר
און קומען צעלויפען מיט ווענטקעס צום ברעג.
עס צאַפּעלט אַ פישעל, עס פרעהט זיך אַ יונגעל,
איך ליג אין אַ שיפעל פון ווייטען און שווייג...
און ס׳דוכט, ס׳איז אַ חלום דער טייך מיט די יונגלעך,
דער פויגעל, וואָס וויגט זיך און זינגט אויפ׳ן צווייג...
אַ ווינט-מיהל בעוועגט זיך פון ווייטען געלאַסען,
די פליגלען זיי פּאָכען און רוהען זיך אָב:
אַזוי, ווי אַנ׳אָדלער אַ שוואַרצער, אַ גרויסער,
וואָס מאַטערט זיך פליהען און פאַלט שווער אַראָב.

8

עס שווימען גאַנץ קליינע און גאָר גרויסע וואָלקענס,
מיט גאָלדענע זיימען און פורפור פערקליידט;
זיי איילען צו מערב, און שטאַרבען אין מעריב,
אינאיינעם מיט זיי שטאַרבט דער טאָג שטילערהייט.

וואָס אַרט מיך זיין שטאַרבען? וואַס דאַרף איך די וואָלקענעס?
איך ליעב בלויז די פלאַמען, וואָס פלאַקערן שען...
דאָך שלינגען די וועלען איין טרער נאָכ'ן צווייטען,
איך וויין, כאָטש איך ווייס ניט אַליין, וואָס איך וויין.
צו כ'בענק נאָך דער שטאָדט, וואָס איך האַס אַזוי ביטער?
צו כ'בענק נאָך די פריינד, וועלכע זענען ניט טריי?
צו עס פעהלט מיר איצט שטאַרק, די איינאיינציגע יונג-פרוי,
וואָס אין בענקען נאָך איהר איז מיין יוגענד פאַרביי?

9

ס'איז נאַכט, עס איז שטיל, איצטער שטויבט ניט אין ערגעץ...
די אָרעמע יודישע קרעמלעך פערמאַכט.
פערשלאָסען מיט שווערע אַלט-מאָדישע שלעסער...
געלויבט ביזטו, גאָט, וואָס מען רוהט כאָטש ביינאַכט.
פערינגעלט מיט אַלטע און נייע בית-עולם'ס
שלאָפט קאַזמערזש און חלומ'ט. נור עמיץ איז וואַך:
דער פאַסטוך, דער שטומער, בעגעגענט מיך פלוצלונג.
וואָס ווינקט ער צו מיר? כ'פערשטעה ניט זיין שפראַך:
ער ווייזט מיר דעם שלאָס אָן, ער ווייזט אָן דעם טורעם,
וואָס שטעהט אויפ'ן באַרג, ווי אַ פוסטער סקעלעט...
ווי בישטיג דער טאָג זעהט מיר אויס אין דער פינסטער,
ווי עלענד די וועלט איז ביינאַכט אַזוי שפעט...

10

עס טאָגט שוין, עס קומט אָן אַ נייער פריה-מאָרגען...
עס זינגען די וועלדער — דאָס זינגען וויעגט איין.
מיין מיעדע נשמה! שוין צייט צו געהן שלאָפען;
אין שלאָפען וועסטו אפשר גליקליכער זיין, —

דער גאָט פון חלומות איז גאָר ניט קיין קאַרגער.
אין חלום וועט קומען מיין יונג-פרוי צו מיר,
אין חלום וועט ליכטיגער אויסזעהן מיין ציקונפט;
דער גאָט פון חלומות ער שטעהט שוין אין טהיר.
עס טויען די פעלדער, ווי נאָהנטע מזבחות,
עס הויבט זיך דער רויך און צערינט באַלד אין לופט.
איך פאַל אויף מיין בעטעל, צערייצט פון פריה-מאָרגען —
דער גאָלדענער חלום, ער רופט שוין, ער רופט.

*　*

*

11

אַזוי, ווי אַ גלעקעל, וואָס הילכט אויף די לאָנקעס,
אַזוי, ווי אַ באַרג-וואַל קלינגט זילבער-ריין,
דערגרייכט צו מיין פענסטער אַ יונגער געלעכטער...
צו עס דויערט דער חלום! כ'קאָן ניט פערשטעהן.
איך האָב שוין אַ שכנה אין אונטערשטען גאָרן
(שוין לאַנג ביזטו רוהיג, מיין זעלע, געוועזן),
איך האָב שוין אַ שכנה... אַזוי, ווי אַ גנב,
ענטלויף איך פון צימער, זי זאָל מיך ניט זעהן...
נור לויפענדיג איינמאָל, האָב איך זי בעגעגענט;
מיר האָבען זיךביידע בעקוקט און בעטראַכט —
ווען איך האָב געציטערט אַזוי, ווי אַ פרעמדער,
האָט זי זיך גאַנץ קינדיש און היימיש צעלאַכט...

12

איך ווייס ניט איהר נאָמען — איך דאַרף עס ניט וויסען,
איך ווייס ניט איהר היימאַט — נאָר שען איז זי, שען!

איך לויף נאָך, ווי פריהער, אין רוהיגע ווינקלעך,
נאָר שווער איז מיר איצטער צו בלייבען אַליין...
אַך, קאַזמערזש, ביזט איצטער נאָך שענער געוואָרען:
(אין ראַם האָט זיך פלוצלונג אַ בילד אַיינגעפּאַסט).
כ׳האָב היינט אין מיין צימער אַ בלימעל געפונען;
פון גליק האָב איך פרעהליך געשטיפּט און געשפּאַסט,
נאָר ניט מיט דאָס מיידעל פון אונטערשטען גאָרן —
איך האָב מיט׳ן ווינטעל געשטיפּט און געשפּיעלט...
דערנאָך איז אַ ריזיגער וואָלקען געקומען
און האָט אַלץ אין שוואַרצקייט, אין חשך פערהילט...

13

שוין עטליכע שעה, ווי עס בליצט און עס דונערט,
עס רעגענט, עס שטורמט. צו דען אָהן אַנ׳עק?
פון שכן די דינסט איז געקומען מיך רופען:
דאָס פריילין, דאָס יונגע, זי ציטערט פון שרעק.
זי רופט מיך?... געבענשט זאָל דערפאַר זיין דער דונער.
דער פלאַמיגער שדכן — געבענשט זאָל ער זיין!
זי שמייכעלט און ציטערט, מיר ציטערן ביידע,
האָטש ס׳דוכט מיר, איך בין אין גן-עדן אַריין.
דער דונער ווערט שוואַכער, צו דען האָט ער טאַקי
פאַר מיר זיך דערשראָקען? דער שטורם ווערט שטיל...
מיין יונגע בעקאַנטע זיצט רוהיג און זיכער
און פרעהט זיך אין האַרצען — איך שפיר עס און פיהל...

14

אויף יעטווידער פרייד פון דיין זאָרגלאָזען לעבען
קאָן איך דיר דערצעהלען יסורים אַ סך;
אויף יעטווידער טרעל פון דיין קינדערשען לאַכען —
אַ צעהנדליג עלעגיעס... נאָר פרעה זיך און לאַך.
אָך, רעד זשע, דערצעהל מיר! דיין פרייד איז מיר נויטיג
אַזוי, ווי דער רעגען איז נויטיג דעם פעלד,
אַזוי, ווי די היימאַט — דעם איינזאַמען וואַנדרער,
אַזוי, ווי די דרייסטקייט איז נויטיג דעם העלד...
חאָטש כ׳ווייס ניט, פון וועמען דו קומסט אַלס שליח:
פון גאָט צי פון טייוועל, בריינגסט טרויער צו גליק?
אַלץ איינס... איך וועל דאַנקען דעם היינטיגען דונער,
כ׳וועל מעהר שוין נישט לויפען פון שטורם צוריק...

15

אַזוי, ווי אַ בוימעל מיט גאָלדענע רויזען,
אַזוי איז איהר קעפּעל מיט לאָקען בעדעקט,
און גראָה-בלאָהע אויגען מיט דונקעלע ברעמען;
איהר בליק איז פערוואונדערט, ער פרעגט וואָס, ער פרעגט...
איהר נאָמען איז וואַנדאַ... אַ פּוילישער נאָמען,
נאָר זי איז אַ חסיד׳ס אַ טאָכטער, אַך גאָט!
זאָל קיינער פאַר קיינעם קיין וואָרט ניט פערטרויען,
חאָטש מיר וועט דאָ שווער זיין צו האַלטען דעם סוד...
זי שעהמט זיך... זי ליעבט ניט דעם טאַטען, דעם פרומען,
זיי זענען, ווי פרעמדע פון קינדהייט ביז היינט;
וואָס געהט עס מיך אָן? עס איז מאַי, עס איז פריהלינג,
מיר פיהלען עס ביידע, מיר זענען שוין פריינד.

16

די ווייסקייט פון גאָרטען ווערט לאַנגזאַם פערשוואונדען,
די בוימער בעפוצען זיך אַלע ניי-גרין;
ניטאָ שוין קיין בעז מעהר, ניטאָ קיין אַקאַציעס,
עס בליהט שוין ניט מעהרער דער זיסער זשאַסמין...
אין פעלד אָבער בליהען שוין פיעל מאַרגאַריטקעס,
און וואַלד-גלעקלעך בלאָהען זיך אונטען אין טאָל —
דאָס אַלעס וועט קומען צו וואַנדען אין צימער...
צַך, וואַנדאַ! איך הער שוין פון ווייטען דיין קול...
אויב דו האָסט געביינקט — בין איך טויזענד מאָל גליקליך,
אויב דו האָסט געוואַרט — בין איך האַר...
ניט בעהאַלט זשע די זודיגע, זאַכטיגע ליפען,
איין קוש... זאל דער קוש דיר נישט ברייגגען קיין צער...

17

עס בליהען שוין רויזען, איך רייס זיי אין גאָרטען,
און וואַנדאַ נעהמט צו די מתנות מיט פרייד,
מיר שטיפען און פרעהען ביי טאָג זיך, ווי קינדער,
און שווייגען פאַרנאַכט, ווען דער הימעל ווערט רויט.
אין מערב-זייט היינגט דאָרט מיין גאָלדענער פּאַלאַץ
און שווייגענדיג שוועבען מירביידע אַהין,
וואו ס׳רייצען אונז פלאַמיגע, ווילדע פאַנטאַזיעס...
מיר האַלדזען זיך ביידע אָהן שרעק און אָהן זין.
דערנאָך, ווען דער הימעל פערדעקט זיך מיט שטערען,
לויפט וואַנדאַ אַהיים און פערשליסט זיך פון מיר;
זי רייסט מיינע רויזען, זי פליקט זיי אויף פּיצלעך —
בעגינען געפינט זי שוין פרישע ביים טהיר...

18

עס וואַקסט אויף די פעלדער, עס פאַליען די זאַנגען
מיט בלימלעך מיט בלאָהע געמישט און מיט מאָן,
און וואַנדאַ איז פרעהליך אַזוי, ווי אַ פויגעל,
פון אַלעס פערוואונדערט, און אַלץ קוקט זי אָן:
זי איז שוין געוועזען, אין אַלע דריי קלויסטערס,
געוועזען, זיך געפרעהט, מיט בעגייסטערונג פול,
דאָך האָט זי זיך מאָדנע פערקרימט און צעבייזערט,
ווען איך האָב זי ווייזען געוואָלט אונזער שוהל...
כ'האָב דעמאָלט דערפיהלט טיעף דעם וועהטאָהג פון פרעמדקייט,
געפיהלט, אַז מיר זענען צעטיילט דורך אַ תהום,
נאָר זי האָט אַפילו מיין שמערץ ניט פערשטאַנען:
געשטיפט און אַנטלאָפען, געלאָפען אַהיים...

19

שוין תמוז, דער אמת'ער זוניגער זומער,
עס גליהען די שטראַהלען און רייצען דאָס בלוט...
וואָס שוויגסטו אין שאָטען? וואָס ציטערט דיין קערפער?
ביזט צייטיג און הילפלאָז... אַ שווערע מינוט...
די ליפען געעפענט, די צייהנדלעך פערשלאָסען,
אַזוי, ווי זיי וואָלטען דערשטיקט דעם פערלאַנג...
דו אָטעמסט צערשראָקען... ניט שרעק זיך, זיי רוהיג:
עס האָט מיך בעפאַלען אַ קאַלטער געדאַנק...
דו הערסט, ווי די לערכע צעגיסט זיך אין זינגען:
דאָס לויבט זי דיין ריינקייט... ביזט ריין, ווי געוועזן,—
אין מיר אָבער הערשט איצט אַ שטורם, אַ גיהנם:
פאַר וואָס איז אַזוי און ניט אַנדערש געשעהן?

20

עס האָט מיר דאָס לעבען געלערנט זיין בייזער,
און אָפט טאַקי בין איך צו אַנדערע שלעכט...
נאָר מאַמע! דיין ווייכקייט פער'סמ'ט מיר דאָס לעבען,
איך בין ביי דיין גוטסקייט אַנ'אייביגער קנעכט...
עס קוקען אויף מיר אומעדום דיינע אויגען,
אַזוי, ווי צוויי שומרים, וואָס היטען אַ שקלאַף,
ווען איך זאָל דיר בלייבען אַ זוהן אַ געטרייער,
דאַן בין איך אויף אייביג געבונדען און שלאַף.
ווייל לעבען מיט מצוות און אייביגע פרומקייט,
הייסט לעבען אָהן דרייסטקייט, אָהן מוט, אָהן געוועהר...
און לעבען מיט ספקות איז ערגער, ווי שטאַרבען,
איך ווייס עס פון לאַנג, און דערפאַר איז מיר שווער.

* * *

21

עס שטעהען שוין פאַרטיגע פעלדער מיט זאַנגען,
עס פאַלען שוין סנאָפּעס מיט צייטיגען ווייץ:
די שניט-צייט, זי פאָדערט פיעל שווייס און פיעל קרעפטען,
די אַרבייט — זי האָט דאָך פיעל שענקייט און רייץ.
ווי פלינק, ווי עלאַסטיש די עלטערן שניידען,
ווי קונציג די קינדער פערבינדען אַ סנאָפּ,
ווי שטאָלץ און ווי מיד מען בעגעגענט דעם אָוועגד,
צום סוף, ווען מען פיהרט שוין די תבואה אַראָב...

דאָס פעלד ווערט שוין לעדיג — דאָך פול ווערט דער שייער,
די אַרבייט זי מאַטערט, און מוטיגט, און פרעהט...
אַוועק וועט דער זומער — דאָך לאָזט ער וואָס איבער
פאַר די, וועלכע האָבען די פעלדער פערזייהט...

22

ביי אונז אָבער גרייט מען זיך איצט צו אַ תענית,
מען זיצט אוז מען קלאָגט אַלטע קנות אויף דר'ערד,
איך שטעה דאָ מיט וואַנדען ביים שוהל, ביי דעם פענסטער...
זי שווייגט, עפּעס האָט זי זיך מאָדנע פערקלערט.
צו לעבט אויך אין דיר אונזער אייביגע בענקשאַפט?
צו פאַנגט דיר דער צער פון דער נאַכט אַזוי גיך?
צו איז דיר האָטש איצטער פערשטענדליך מיין טרויער:
מיין פאָלק האָט פערלאָרען דאָס גלויבען אין זיך...
וואָס טראַכסטו, פערפרעמדטע, צו שפּאָטסטו פון גלות?
צו פיהל'סטו זיי מיט, די געבויגענע קנעכט?
צו טרוימסטו אויף ס'ניי דיינע שענע חלומות
אַזוי, ווי אין אַנדערע ליכטיגע נעכט?

23

חאָטש שען איז דער אָוועגד, חאָטש דו ביזט בע'חנ'טער
ווי שטענדיג... נאָר מיר איז איצט אומעדיג, שווער.
ווייל טיעף איז דער אָבגרונד, וואו איך בין פערוואָרפען,
איך זעה פון גאָט'ס ליכט בלויז אַנ'אָבגלאַנץ — נישט מעהר...
צו וואָס האָסטו, גאָט, מיר געגעבען מיין בענקשאַפט?
צו וואָס איז דער פאַקעל, וואָס ברענט אַזוי שוואַך?
איך וועל דאָך דעם אָבגרונד מיט איהם נישט בעלויכטען,
איך הער דאָ בלויז זיפצען און קללות אַ סך...

איך קאָן זיי ניט העלפען, איך קאָן דאָ ניט שטרייטען;
ניטאָ דאָ אין גלות קיין שלאַכט-פעלד, ניטאָ.
קיין קרבן ניטאָ און ניטאָ קיין מזבח,
ס׳פעהלט גלויבען און שטאָלץ אין דער ביטערער שעה...

24

פאַרהאַן דאָ אין קאַזמערש אַנ׳איינזאַמער קבר,
אַ שטיינערנע פליטע פערצייכענט דעם אָרט:
„דאָ איז ער געפאַלען, דאָ ליגט ער בעגראָבען",
און שטיל איז, מעהר זאָגט די מצבה קיין וואָרט,
נאָר וואַנדאַ דערצעהלט מיר דעם סוד פון דעם קבר:
מען האָט דאָ געשטריטען אַמאָל אויפ׳ן פעלד;
זי רופט מיר אָן נעמען פון קעמפפער פיעל פרעמדע
און שיט אויס מיט בלומען דעם קבר פון העלד.
איך קניע דאַן געדאַנקליך מיט גרויס דרך-ארץ
פאַר דעם, וועלכער האָט דאָ געפונען זיין רוה...
— „נאָר, וואַנדאַ, וואָס וייסטו פון אונזערע קברים?"
זי שטעהט אַ פערטרוימטע און הערט מיך ניט צו...

25

כ׳וועל בעסער פערבאָרגען אין האַרצען מיין וועהטאָג
און זוכען אין וואַנדעס אַ שמייכעל מיין גליק.
עס בליהען שוין מאַלוועס, ווי דאָרפישע מיידלעך,
וואָס געהען פערפוצטע פון יאָהר-מאַרק צוריק.
עס ווערען שוין רויטער און שוואַרצער די קאַרשען,
עס פאַלט שוין אַ באַרנע האַלב-צייטיג פון בוים
און יודישער דלות האָט נייע פרנסות:
מען לעבט אין די סעדער — אַ ביליגע היים...

פערדרוקט אין אַביידעל, אַזוי ווי ציגיינער,
מיט קינדער, וואָס לויפען האַלב-נאַקעט אַרום,
די מאַמעס, זיי שילטען און קושען די קינדער,
זיי קלאָגען אין האַנדלען, און שווערען זיך פרום.

26

ט'אַזוי, ניט גערעדט, ניט גערייצט די געדאַנקען,
אָט אַזוי, ווי די נאַכט, זיי רוהיג און טרוים;
מיין בענקשאַפט פערשווינדט אין דיין קינדערשען שמייכעל,
אַזוי, ווי אַ שטיין ווערט פערשוואונדען אין תהום.
איך ווייס ניט די פרייד פון טריאומפירענדען זיגער,
איך ווייס ניט דאָס גליק פון די הערשער אויף דר'ערד, —
מיין גליק איז די שטילקייט, דאָס שמערצלאָזע שווייגען,
מיין גליק איז בייַנאַכט בלויז מיט דיר מיר בעשערט...
כ'וואָלט וועלען פערהאַלטען אויף אייביג די רגע,
פערזיגלען אין האַרצען אויף שפעטער, אויף לאַנג...
נאָר ס'ווערען שוין בלייכער און בלייכער די שטערען,
עס נאָגט שוין מיין ברוסט, עפּעס טהוט מיר שוין באַנג...

27

עס ציהען זיך מאַטאָווע טעג... לייכטע וואָלקענס
פערדעקען די זון און די דאָזיגע טעג:
עס פאַלט ניט קיין רעגען, מען הערט ניט קיין דונער,
אַ שאָטען אַ קיהלער פערשפּרייט יעדען וועג...
דער גאָרטען זעהט איצטער אין שאָטען אויס גרינער,
די דופטען פון בלומען פערהאַלטען מיך אָפּט,
עס טראַכט זיך גאָר וועניג, עס לעבט זיך געלאַסען,
די ליידענשאַפט מיגע זי רוהט איצט און שלאָפט...

און וואַנדאַ׳ס געלעכטער קלינגט שוואַכער, ווי שטענדיג,
זי צאַפּעלט ניט איצט, ווען איך נעהם זי אַרום...
ווער ווייס, וואָס דאָס איז? ווער פערשטעהט אַזאַ שטילקייט?
די טעג זענען רוהיג, דאָס האַרץ מיינס איז שטום...

28

נאָר גיך פאַלט אַרונטער פון הימעל דער שלייער,
די זון זי צעלאַכט זיך מיט שטראַהלען און ליכט,
אַזוי, ווי אַ הערשער אַ שטאַרקער, אַ שטאָלצער,
וואָס קומט און בעזיגט און בעפרייט אומגעריכט...
די מענשען, די פייגלעך בעוועגען זיך שנעלער,
און וואַנדאַ פערהאַלט מיך אין גאָרטען און לאַכט...
ביז אָהנמאַכט פער׳שיכור איך זי מיט מיין קושען,
זי רייסט זיך אַרויס און פערשווינדט וואו ביז נאַכט;
דו וועסט ניט אַוועקגעהן, דו וועסט ניט ענטלויפען!
עס ברענט אין אונז ביידען איין פייער, איין פלאַם...
צו ווילסטו פון זומער מיר מאַכען אַ גיהנם?
צו ווילסטו פערוואַנדלען די בלומען אין סם?

29

דער ווייכסעל גלאַנצט ניי, ווי אַ שווערד אַ געשאַרפטע,
און שפּיגעלט אין זיך די רואינען פון באַרג,
איצט לעבט אַלץ, ווייל אַלץ איז בעגאָסען מיט שטראַהלען...
גאָט פיהלט זיך היינט לוסטיג, די זון איז ניט קאַרג...
מ׳ןן באָדט זיך... עס הילכען געלעכטערס פון קינדער,
עס שפּריצען די וועלען מיט זילבערנעם שוים,
די פויגלעך פון ברעג ווערען אַלע פערשוואונדען,
די פישלעך אין וואַסער בעהאַלטען זיך קוים,

די שטיפערס זיי יאָגען נאָך איינער דעם צווייטען,
עס רייצט זיי, עס פרעהט זיי דאָס לוסטיגע שפּיעל...
צאָפּט ווערט פון זיי איינער אין וואַסער פערשוואונדען,
דאָ בלייבען זיי אַלע צעשראָקען און שטיל.

30

דאָך באַלד שוין דערהערט זיך אַ קוויטש, אַ געלעכטער —
די וועלען צעהוליען זיך ווילד אויף דאָס ניי.
עס בעווייזט זיך אַ קאָפּ און אַ ראָזאָווער קערפּער,
צוויי הענד, ווי צוויי פליגעל, בעוועגען זיך פריי.
עס קומען די טאַטעס, די שטרענגע, די שטילע,
און טוען געלאַסען זיך אויס אויפ'ן ברעג,
זיי שפּרייזען אין וואַסער און ווערען באַלד פרעהליך
און לאָזען זיך אויך מיט די שטיפערס אַוועק.
עס צאַפּלען זיך קערפּער אין זילבערנע וועלען
פון יענער זייט ווייכסעל ז'ערגרייכט אַ געשריי:
דאָרט טאָר מען נישט קוקען, דאָרט באָדען זיך מיידלעך,
די זון, בלויז די זון מעג זיך שפּילען מיט זיי.

31

איך שטעה דאָ ביים גאָרטען פערטריבען, בעליידיגט;
איך רוף זי, זי קומט ניט, איך געה ניט צו איהר.
זי זינגט דאָרט פאַר וועמען, זי לאַכט פון דער ווייטען,
עס דוכט מיר, דאָס לאַכט זי און חוזק'ט פון מיר...

וואו לויפט מען אוועק פון דעם גליהענדען גיהנם?
ווי טוידט מען דעם וועהטאג? מיט וואס פאר א שווערד?
עס פינקלען די שטערען, ווי שטענדיג, ווי שטענדיג,
עס פאלט שטום די שטילקייט פון הימעל אויף דר׳ערד.
עס שלעפען די פיס זיך פון · געסעל צו געסעל,
מיין שאטען לויפט פארווערטס און טאנצט אויף די ווענט,
איך מורמעל א הספד און ווערג זיך מיט טרערען;
די שוהל איז בעלויכטען: א יאהר-צייט-ליכט ברענט...

32

זי געהט מיט א פרעמדען... איך קאן איהם פון פריהער,
זי האט שוין ניט איינמאל זיין נאמען דערמאהנט.
כ׳האב גארניט גערעכענט, כ׳האב גארניט פערשטאנען —
זי איז דאך מיט מיר דאן געווען אזי נאהנט...
א קוואל ווערט אמאהל אזוי האסטיג פערשוואונדען,
א פויגעל א פלינקער ענטלויפט אזוי גיך,
אזוי, ווי מיין חלום איז פלוצלינג געשטארבען, —
איך טראג איצט א פוסטקייט א גרויסע אין זיך...
דאס אלץ, וואס האט נעכטען גערייצט און געצויבערט,
איז היינט אזוי נישטיג, פערטרויערט און גראה;
די הענד, וועלכע האבען צו גאט זיך געהויבען,
זיי פאלען אראב איצט... קיין לוסט איז ניטא...

33

א פרעמדער, א פרעמדער... פון די, וועלכען האסען
און שפאטען פון אונזער פערוואגעלטען דור,
דערפאר איז מיין שמערץ און מיין אייפערזוכט דאפעלט...
זיי געהען און לאכען — א גליקליכע פאר...

זי שפּרייזט און עס לויפען איהר נאָך אַלע שטראַהלען,
זיי זאַמלען צענויף זיך ביי איהר אויפ׳ן קאָפּ,
זיי קושען און גלעטען די גאָלדענע לאָקען,
די ברעמען, וואָס פאַלען פון מידקייט אַראָב.
מיך האָט זי פערגעסען אינגאַנצען, אויף שטענדיג;
זי וועט שוין ניט קומען, איך ווייס עס גאַנץ גוט,
איך וויל בלויז געפינען מיין גלייכגעוויכט ווידער,
איך וויל בלויז פערלעשען מיין צאָרן, מיין וואוט...

34

אָ, יודישע טעכטער, איהר בלומען פון גלות!
אַ סוד איז פאַר מיר אייער אייביגער חן:
איהר בליהט אין אַ וויסטען פערוועלקדטען גאָרטען —
אויף דערנער, אויף שטיינער... איהר בליהט אַזוי שען.
די פרעמדע זיי מאַכען אַלץ וויסטער דעם גאָרטען,
זיי רויבען אַוועק אונזער שטאָלץ, אונזער גליק.
פאַר אייך אָבער קניען זיי, יודישע טעכטער,
ניט שענקט זיי, ניט שענקט אייער עהרליכען בליק.
ניט שענקט זיי קיין ליעבע פאַר דורות יסורים, —
מיר ליידען, ווער וועט אונז בעלאָדען מיט מוט?
ווער וועט אונז דאַן טרייסטען און האָפנונג געבען?
אַך, דאַן! ווען עס קומט די ערוואַכונגס-מינוט...

35

עס האָבען פיעל טרוימער צו דיר שוין גערופען,
אַלמעכטיגער הערשער! צו הערסטו האָטש ווען?
עס האָבען נביאים אין מדבר געבלאָנדזשעט,
געקניעט און געבעטען: אַ נס זאָל געשעהן...

אָבער גרויס, אָ, צו גרויס ז׳דער אייביגער וואונדער,
דאָס שטענדיגע ליידען, דאָס לעבען פון קנעכט...
דו שווייגסט, און מיין פאָלק איז געוועהנט צו דיין שווייגען,
עס ליידט, עס שטאָלצירט און עס פיהלט זיך גערעכט.
נאָר מיר איז דאָ פינסטער אין גלות אין אַלטען,
אַך! מיר איז דאָ ענג, צווישען אייגענע ענג...
רבונו של עולם! גיעב כח, גיעב פליגעל,
אַ וועג ווייז מיר אָן און אַ האָפנונג ברייננג.

36

כ׳געה ווידער אַליין אין די רוהיגע טאָלען
אַזוי, ווי אַנ׳אבל, וואָס רעדט ניט קיין וואָרט...
די אייפערזוכט טאַנצט נאָך מיט מיר, נאָר איהר ווילדקייט
בעגלייט מיר שוין איצט ניט אויף יעטווידער אָרט:
ס׳וועט קומען, ס׳וועט מוזען די רוהיגקייט קומען;
דער זומער, ער געהט שוין דערווייליגע אַוועק:
עס בלאָזט שוין פאַרנאַכט אָפט אַ ווינדטעל אַ קיהלער,
עס ליגט נאָך דאָס לעצט ביסעל היי אויפ׳ן וועג,
עס בליהען די אַסטרעס, די דופטלאָזע בלומען,
מיט בונטע קאָלירען, וואָס רייצען פון ווייט —
די לעצטע מתנה פון שפּעטיגען זומער,
עס בעטען די עפּעל פון בוים זיך... שוין צייט!

37

און וואַנדאַ מיין שכנה.. אין אונטערשטען גאָרן
איז עפּעס אַ טומעל, איך הער אַ געשריי:
דער טאַטע, דער חסיד, איז פּלוצלונג געקומען —
ער פרעגט אויף זיין טאָכטער און חלש׳ט פון וועה...

זיי זענען פערשוואונדען, זיין קינד מיט׳ן פרעמדען,
אַזוי, ווי צוויי פויגלעך, וואָס בייטען דעם נעסט.
איהר צימער איז לעדיג, דער גאָרטען איז לעדיג...
עס כאַפּט מיך אַ בענקשאַפט און שטיקט אַזוי פעסט...
געשווינד אויף די פעלדער, געשווינד צו דער שטילקייט —
דאָרט טוידט איך מיין בענקשאַפט און שמיד מיין פערלאַנג;
צעשטערט האָט אַ דונער מיין שלאָס אויף די וואָלקענס,
פער׳סמ׳ט האָט דער זומער מיין זעעלע אויף לאַנג...

38

פאַרהאַן דאָ אַן׳אוהלביים אַלטען בית-עולם,
אַ קליינע געביידע פון שטיינער און האָלץ;
דאָרט ברענט אַ נר-תמיד שוין עטליכע דורות,
עס ברענט אַזוי רוהיג בעהאַלטען און שטאָלץ...
דאָרט ליגען בעגראָבען צוויי גרויסע צדיקים,
די קברים מיט קוויטלעך פערשאָטען, פערדעקט.
די קוויטלעך דערצעהלען פון טויזענדער צרות,
און אַנדערע זענען פון טרערען פערמעקט...
דאָרט זיצט איצט דער חסיד, דעם קאָפּ אויפ׳ן קבר,
די אויגען פערוויינטע און הילפלאָז דער בליק...
ער בעט ביי די טוידטע, זיי זאָלען איהם העלפען,
זיין טאָכטער, די שענע, זאָל קומען צוריק...

39

ער בעט ביי די טוידטע, און איך ביי דער שטילקייט,
מיר בלייבען דאָך ביידע אָהן טרייסט און אָהן פרייד.
און יענער, דער פרעמדער, איז גליקליך מיט וואַנדען!
געגוג שוין צו קלאָגען, דער הימעל ווערט רויט...

עס קומט אָן די שעה, ווען עס ווילט זיך מיר שווייגען,
די שעה, ווען מיין בליק איז צו מערב געווענדעט.
עס ווילט זיך מיר קניען פון שרעק און ענטציקונג,
עס הויבען צום הימעל אַליין זיך די הענד...
דאָך דונקעלער ווערען די וואָלקענס, די בוימער,
און עלענדער פיהל איך זיך איצט אויף דער ערד.
אַ פלעדערמויז פליהט איבער מיר יעדע ווײַלע.
וואָס וויל זי? מיין גליק איז פון לאַנג שוין צעשטערט.

40

פערשלייערט אין וואָלקענס געהט-אויף די לבנה,
בעהאַלט זיך און קוקט באַלד אַרויס, ווי אַ לץ...
אָפט ווייזען זיך שטערען, ווי פישעלעך קליינע,
וואָס זיפען זיך דורך אַזוי פלינק דורכ'ן נעץ...
אָ וואָלקענס. פערשווינדט וואו, זאָל ריין זיין דער הימעל!
זאָל איצט יעדער שטערען בעווייזען זיין פראַכט!
איך ענדיג מיין דאַוונען! איך וויל מיין פערצווייפלונג
פערוויעגען געלאַסען אין שויס פון דער נאַכט...
איך וויל, אַז מיין תפילה זאָל עמיץ דערהערען,
און עמיץ זאָל טרייסטען. איך שווייג לאַנג און וואַרט...
עס האָבען מיך מענשען גענאַרט און חלומות,
צו דען האָט די שטילקייט מיך אויך אָבגענאַרט?...

* *
*

41

אַ סוף שוין צום זומער, דער גאָרטען איז לעדיג,
די בלעטער זיי ווערען שוין רויטליך און געל;
אַרום איז אַ פוסטקייט, נישטאָ קיין פערלאַנגען,
דעם שכנ׳ס קליין-קעצעלע שפרינגט אויף מיין שוועל...
עס וויעגט זיך, עס שפּילט זיך אַ שטראַהל אויף מיין פענסטער,
ווי עמיץ וואָלט שרייבען מיט גאָלדענע טינט.
עס גלעט מיך די זון, ווי מיט וואַרימע פינגער,
און שלעפערט מיך איין אַזוי לייכט און געשווינד...
איך חלום אין שלאָפען: איך שפיר עפּעס ווען,
עס דריקט זיך, עס טוליעט זיך ווער צו מיר טריי,
עס רעדט מיר ווער טייערע, צערטליכע ווערטער,
ס׳איז פריהלינג, עס בליהען אַקאַציעס אין מאַי...

42

איך עפען די אויגען —, איין וואַנט איז אין שאָטען,
די צווייטע בעגאָסען אינגאַנצען אין שיין,
און וואַנדעס קליין-בילדעל איז אויכעט אין שטראַהלען,
דאָך וואַנדאַ אַליין וועט שוין מעהר דאָ ניט זיין...
דער הערבסט איז דער אייביגער קבר פון זומער,
ווי שען אָבער שטאַרבען די עלענדע טעג!
עס רייצט דער בערבעריס, ווי פאַטשערקעס רויטע,
און קאַלינעס רויטע בעפּוצען דעם וועג...

עס וואַרעמט די זון נאָך ווען אויס אַ פּאָר בלומען,
וואָס ווערען פערפרוירען, פערגליווערט ביינאַכט,
עס פליהט נאָך אַ שמעטערלינג ווען אין פיעל פאַרבען,
און פאַלט אויף אַ צווייגעל אַראָב באַלד פערשמאַכט...

43

און זילבערנע שפינוועבס, ווייס-זיידענע פעדעם,
בעוועגען זיך לאַנגזאַם אין בלאָהליכען רוים,
ווי מיינע געדאַנקען, די רוהיגע, פוילע,
וואָס וויגען זיך איין אין דעם רויש פון אַ בוים...
און אויב עס ערוואַכט נאָך אין הארצען מיין חלום,
דאַן פליהט ער געשווינד, ווי אַ פויגעל אַרויס.
אין גאָרטען צעטראָגט זיך אַ ערדישער ריח,
דאָס גראָבט מען די לעצטע קאַרטאָפּעל אַרויס.
די נעכט זענען שוואַרצע מיט גלאַנציגע שטערען,
וואָס פאַלען כסדר פון הימעל אויף דר׳ערד,
אַזוי, ווי זיי וואָלטען אונז ראַטעווען וועלען
פון אייביגען חשך, וואָס אונז איז בעשערט...

44

און איינמאָל דערהער איך אַ שופר פון ווייטען:
עס ציטערט אין פייכטען פריה-מאָרגען די לופט.
איך שפּרינג אַ דערפרעהטער אַראָב פון געלעגער:
עס קומט די ערלעזונג, מען רופט שוין, מען רופט...
וואָס נעהנטער צום שטעדטעל — אַלץ קלענער מיין שמחה...
דער מאַרק איז, ווי שטענדיג, מיט הענדלערקעס פול;
עס שטאַרבט דאָ אין טומעל דאָס שאַלען פון שופר,
איך שטעה ביי דער אַלטער געבויגענער שוהל...

שוין אלול... דאָך פרעמד איז מיר איצט זייער תפילה,
איך וויל ניט אַריינגעהן און קאָן ניט אַוועק, —
די תפילה פון די, וועלכע גיבען זיך אונטער,
זי ברייננגט מיר בלויז טרויער און פּיין אָהן אַ צוועק...

45

אַך, גאָט! ווען ביי אונז וואָלטען זיין ברייטע ים׳ען,
דאַן וואָלט איך אין שטורם מיין בענקשאַפט דערשטיקט,
אַליין אויף מיין שיפעל, אַליין מיט דער פרייהייט;
כ׳וואָלט צום ענדלאָזען הימעל מיין ברכה געשיקט...
ווען ביי אונז וואָלטען זיין הויכע בערג, ווילדע פעלזען,
וואָס שניידען די וואָלקענס אַ דורך, ווי אַ שפּיז,
געקלעטערט מיט מוט וואָלט איך דאַן צו דער הויכקייט,
געלעגען וואָלט דאַן מיר דער טאָל צו די פיס...
געצעהלטע בלויז וואַרפען דעם טאָל מיט זיין טומעל
און קלעטערן שטאָלץ אויף די בערג צו דער זון,
געהערט האָב איך ווען פון דעם איינזאַמקייט-יום-טוב —
ניט אַלע פערשטעהען און טרוימען דערפון...

46

ביי אונז אָבער פאַליען דאָ זומפּיגע טייכען,
ביי וועלכע מיר ווינען זיך אויס יעדער יאָהר,
פון תשליך צו תשליך... פיעל טייכען מיט טרערען
עס ווערען פערגאָסען ביים עלענדען דור...
די בערג זענען קליינע ביי אונז און אַלץ פרעמדע,
מיר זענען, ווי קנעכט דאָ פערשלאָסען אין טאָל...
דאָך, קאַזמערזש!... אַלט-קאַזמערזש! דיך וועל איך געדענקען,
דו האָסט מיך געפרעהט און געפייניגט פיעל מאָל...
עס שוועבען פאַר מיר דיינע אַלטע רואינען,
די קאָזעס, וואָס דראַפען זיך שווער אויפ׳ן באַרג,

דער קלויסטער, וואָס שטעהט הויבען אָן אויף אַ בערגעל,
די גרויסע פיעל-קאַנטיגע הייזער אין מאַרק.

47

עס שוועבען פאַר מיר דיינע הענדלער — די יודען;
געבויגענע רוקענס, צעפלאָנטערטע בערד,
די יודישע מאַמעס, וואָס וואַשען ביים ווייכסעל,
די פנים׳ר דאַר און שוואַרץ-גרוי, ווי די ערד...
די באָרוויסע יונגלעך מיט כשר׳ע ציצית,
מיט אויגען פון מזרח... אַך! אויגען פול חן!
עס שוועבען פאַר מיר דיינע כלות די פרומע,
די חופה׳ס ביים שוהל, ביי אַ שטילען געוויין;
דער אַלטער „פרזשעוואָזניק״, וואָס דאַוועט ביים ווייכסעל,
וואָס רעדט ניט מיט קיינעם פון שטאָלץ, צי פון כעס...
זיין אויסזעהן דערמאָהנט מיר דעם כהן-הגדול,
זיין עלטער איז שען, און זיין פנים איז בלאַס.

48

עס לויפען די פערדלעך גאַנץ פרעהליך און לוסטיג,
דער וועג איז מיט שענע לאַנדשאַפטען דאָ רייך:
פון איין זייט די בערגלעך, ווי טרעפלעך צום הימעל,
פון צווייטען — די פלאַכיגע פעלדער ביים טייך.
אַדיע, מיין בעצויבערטע אָרעמע שטעדטעל,
איך פאָהר אין די ענגע פערוויכערטע שטאָדט;
דאָרט לעבען פיעל גרעסערע הענדלער׳ס, ווי דיינע,
דאָרט האָט מען אינגאַנצען פערגעסען אָן גאָט...
דאָרט פיהל איך זיך פרעמדער, ווי דאָ אין דער שטילקייט...
עס זעגענט מיט מיר זיך אויף לאַנג די נאַטור,
מיין פוהרמאַן זעהט אויס מיט זיין באָרד, ווי אַ למדן,
און שלאָפט, ווי אַ פויער, און כראָפעט אין פוהר...

49

עס גיט זיך מיר איבער זיין שלאָפען... איך דרימעל,
איך וויעג זיך אַליין שוין אין וואָגען און טרוים:
עס געהט עפּיס ווער אויפ׳ן וועג מיר אַנטקעגען,
עס נעהמט אָן אַ מיידעל די פערד פאַר׳ן צוים...
געזעהן האָב איך ערגעץ די גרוי-בּלויע אויגען,
די גאָלדענע האָהר, וואָס צעפּאַלען אויף איהר.
איהר שמייכעל האָט פיעל מאָל מיין טרויער פערטריבען;
אָט שטרעקט זי שוין ווידער די אָרעמס צו מיר...
נאָר פּלוצלונג פערשווינדט אַלץ — די פוהר גיט אַ טרייסעל,
איך עפען די אויגען און ציטער פון שרעק...
דער פוהרמאַן איז אויכ׳עט שוין אויף, און מיר זעהען —
אַ צלם אַ גרויסער פערצוימט אונז דעם וועג...

50

ער שלאָפט שוין ניט מעהרער, דער פוהרמאַן דער אַלטער,
ער לאָזט שוין די פערד נישט אַראָב פון שאָסיי.
דער וועג איז פערריינגעלט מיט אוראַלטע בוימער,
מיט הונדערטער נעסטען פון קראָהען אויף זיי...
עס קראַקען די קראָהען, עס קומט אָן דער אָווענד,
אַ האַלבּע לבנה בעוויזט זיך אין רוים,
אַ באָרוויסער יוד מיט אַ זאַק אויפ׳ן פּלייצע
שפּרייזט לאַנגזאַם און חלומ׳ט פון רוה אין זיין היים.
און מיך זאָל בעגלייטען דער רוהיגער שטערען,
דער שטערען, וואָס ווייזט זיך דער ערשטער פאַרנאַכט.
איך הער שוין דאָס פייפען פון צוג פון דערווייטען —
וואו רופט מיר דער טומעל? וואו פיהרט מיר די נאַכט?

II.

דעם שוחט'ס טאָכטער.

(באַלאַדע)

דאָס האָבען קינדער אין שטעדטעל דערצעהלט

בילדונגס קאמיטעט
וואוסטער, מאס.

1

שען איז רייזעלע דעם שוחט׳ס,
האָט אַ יונגעס האַרץ אָהן זאָרגען,
זינגט און פרעהט זיך מיט׳ן לעבען,
ווי אַ שוואַלב מיט דעם פריה-מאָרגען.
עס בעקרוינען איהר די לאָקען,
פול מיט חן זענען די אויגען,
און אַ שטאָלצע איז זי שטענדיג,
וויל פאַר קיינעם זיך ניט בויגען.
שען איז רייזעלע דעם שוחט׳ס
עס בעוואונדערן זי אַלע, —
ניט איין מאַמע וועט זיך ווינשען,
זי זאָל זיין איהר זוהנ׳ס אַ כלה...
נאָר דער שוחט איז אַ פרומער
און דערצו אַ גרויסער כעסן:

ווען זיין טאָכטער קעמט די לאָקען,
הויבט ער אָן די ליפּען בייסען.
עס פערדריסען איהם די לידער,
וואָס זי זינגט בעת׳ן קעמען,
עס פערדריסט איהם איהר געלעכטער...
און ער קריגט זיך מיט דער מאַמען,
ווייל די מאַמע האַלט מיט רייזלען:
— דו צעלאָזט זי עס אינגאַנצען!...
רייזעל אָבער ווייס קיין זאָרג ניט:
זי וויל זינגען, זי וויל טאַנצען.
איז דער שוחט פול מיט מורא,
ווען זיין טאָכטער געהט שפּאַצירען:
ער איז זיכער, אַז דער שטן,
וועט זי סוף-כל-סוף פערפיהרען...

2

יעדעס בלימעל האָט זיין פריהלינג!...
רייזעל וואַקסט דערווייל מעהר אונטער;
ס׳גיסען רעגענס, ס׳בלאָזען ווינטען, —
זי איז שטענדיג פריי און מונטער.
אָפטמאָל קומט זי צו דער מאַמע׳ן
און פערטרויט אַ סוד אַ זיסען,
און די מאַמע בעט מיט פחד:
— זאָל דער טאַטע חאָטש ניט וויסען!
און דער טאַטע ווייס נאָך גאָרנישט;
נאָר אין קאַזמערזש ווייסען אַלע:

רייזעל געהט אַרום מיט מאָטלען
און זי הייסט שוין „מאָטעל'ס כלה".

3

מאָטעל איז אַ וואוילער בחור
און אַ שטיפער ניט קיין קליינער:
אַז ער שווימט ווען אויפ'ן ווייכסעל,
איבעריאָגען קאָן איהם קיינער.
זומער דינגט ער מיט זיין טאַטען
ביי דעם פריץ גרויסע סעדער,
ווינטער לעבט ער פון מזומן
און מקנא איז איהם יעדער...
רייזעל קומט צו איהם אין גאָרטען,
וואו זי העלפט איהם זיין אַ שומר:
וויפיעל קושען זי בעקומט דאַן,
וויסען בלויז די שטומע ביימער...

4

און דער שוחט אין פערנומען:
רייזעל ליגט איהם שטאַרק אין זינען,
זוכט ער אַלץ פאַר איהר אַ חתן,
און ער האַלט שוין ביים געפינען...
און דער שוחט איז צופרידען:
תקיעת-כף האָט ער געשלאָסען;
רופט ער רייזלען און דערצעהלט איהר,
אַז ער האָט פאַר איהר אַ חתן...

רייזעל שווייגט... איהר האַרץ האָט דערמאָלט
זיך צום ערשטען מאָל דערשראָקען,
נאָר זי האָט עס באַלד פערגעסען,
און זי קעמט אויף ס'נייַ די לאָקען...
פרום און עהרליך איז דער חתן,
און אַ רב איז דער מחותן,
נאָר עס העלפען ניט טענות, —
ניט מיט בייזען, ניט מיט גוטען...
יעדען טאָג די זעלבע פיינען,
יעדען טאָג די זעלבע ווערטער!
רייזעל רופט אָן מאָטעל'ס נאָמען, —
ער וועט בלייבען איהר בעשערטער...
נאָר דער שוחט איז אַ פרומער
און דערצו אַ גרויסער כעסן;
ווען זיין טאָכטער רעדט פון מאָטלען,
הויבט ער אָן די ליפּען בייסען.

5

מאָטעל לעבט דערווייל אין גאָרטען,
געהט אַרום דאָרט, ווי אַ שטומער;
עפּעס שרעקען איהם די ווינטען
אין די לעצטע טעג פון זומער.
נאָר ווען פּלוצלונג קומט אָן רייזעל,
ווערט ער פרעהליכער און פרייער; —
וואָס זיי ליידען מעהרער ביידע,
ליעבען זיי זיך אַלץ געטרייער...

זי דערצעהלט איהם פון די צרות,
וואָס זי האָט אין שטובביים טאַטען,
זי דערצעהלט איהם פון די שכנות,
וועלכע הייסען איהר און ראַטען:
זי זאָל מאָטלען שוין פערגעסען,
זי זאָל מאָטלען מעהר ניט ליעבען,
נאָר זי וועט זיי שטענדיג טרייבען.
ווי זי האָט זיי היינט פערטריבען...

6

אין אַ אלול-נאַכט אַ ווייסע
איז זי שפּעט אַהיים געלאָפען, —
זאָל דער טאַטע ניט דערהערען,
ווען זי וועט זיך לעגען שלאָפען.
זאָל דער טאַטע ניט דערהערען:
דאָפּעלט-גרויס איז היינט זיין צאָרן, —
אין די סליחות-טעג די לעצטע
איז ער בייז אַזוי געוואָרען...
שאַ! די טהיר איז שוין געעפענט,
איצטער קאָן זי זיך שוין לעגען;
שעפּטשעט קריאת-שמע און אין שעפּטשען
שוועבט איהר מאָטעל די אויגען...

7

ניט געשלאָפען איז דער שוחט,
ווען זי האָט די טהיר פערשלאָסען,
נאָר געטראַכט האָט ער, געטראַכט אַלץ,
פון דעם אָבגעזאָגטען חתן;
פון דעם יחסנ'דיגען חתן,
וואָס די חצופה האָט פערטריבען,
צוליעב וועמען? צוליעב מאָטלען...
אַזאַ פּראָסטען יונג צו ליעבען!...
וויפיעל טרויער און בזיונות
דאָס פערשאַפט שוין זיין נשמה!...
און דער שוחט קען נישט שלאָפען
און דער שוחט דורשט נקמה...
„זי ווערט ווערען מאָטעל'ס כלה,
ווען איך וועל שוין מעהר ניט לעבען;
דאָך דערווייל נאָך בין איך טאַטע,
און זי מוז זיך אונטערגעבען"...
ווי אַ פאָרזיכטיגער גנב
איז דער שוחט צוגעגאַנגען
צו איהר בעטעל, וואו די לאָקען
זענען פריי אַראָבגעהאַנגען.

8

די לבנה האָט בעלויכטען
יעדעס ווינקעלע אין צימער, —

עפּענט רייזעל אויף די אויגען
און בעמערקט עפּעס אַ שימער...

. . . .

אַ געשריי האָט זי געגעבען
און איז ווידער שטיל געוואָרען,
איהרע לאַנגע שענע לאָקען
האָט דער טאַטע אָבגעשאָרען...

9

וואָס געטראַכט די נאַכט האָט רייזעל,
איז פאַר אַלעמען פערבאָרגען,
נאָר דאָס שטעדטיל האָט געטומעלט
און געטרויערט פון פריהמאָרגען:
וואו איז רייזעל?... אויף איהר בעטעל
ליגען בלויז די שענע לאָקען...
וואו איז רייזעל?... איהר פערשווינדען
האָט איצט אַלעמען דערשראָקען...
ביי דעם ווייכסעל האָבען פישער
זי בעגעגענט גאָר בעגינען;
נאָר מען זוכט זי און מען רופט זי
און מען קאָן זי ניט געפינען.

10

רוהיג גיסען זיך די וועלען
פון דעם ווייכסעל פון דעם קאַלטען;

און זיי וועלען ניט דערצעהלען,
וואו ס'האָט רייזעל זיך בעהאַלטען.
רייזעל וואונדערט זיך אין וואַסער,
וואָס דער עולם איז דערשראָקען,
זי וועט קומען... אָבער פריהער
מוזען אָבוואַקסען די לאָקען...

11

אין די בלייכלליכע פאַרטאָגען
ווען דער ברעג איז שטום פערלאָזען,
שווימט צו רייזעל צו די זומפּען
און זי רייסט אָן לאַנגע גראָזען;
פון די גראָזען פלעכט זי ווענטלעך,
און אַ פּאַלאַץ וועט זי מאַכען, —
וועט ער שענער זיין פון פריצ'ס,
וואו מען הערט אַלץ זינגען, לאַכען...
זי וועט אָנקלויבען אין וואַסער
שענע מושלעס, קליינע שטיינדלעך,
און אין צייכענס וועט זי שפּילען,
ווי אין שטוב אַמאָל מיט ביינדלעך...

12

פיעל געשווינטער, ווי די כוואַליעס,
לויפען טעג אַוועק און וואָכען, —
שוין אַ סוף צום ווייסען ווינטער
ס'האָט דער אייז זיך שוין געבראָכען...

פייגלעך בויען נייע נעסטען,
וואַלד און פעלד איז ווידער אָפען...
רייזעל חלומ'ט שענע טרוימען,
און פערברייינגט די טעג אין שלאָפען.
דאָך ביינאַכט, ווען יעדער בערגעל,
ווערט מיט לבנה-זייד בעצויגען.
שווימט זי דאַן אַרויס פון וואַסער
און זי עפענט אויף די אויגען...
און זי ווערט אַזוי פערוואונדערט,
וואָס די וועלט איז אַזאַ שטילע:
עס בעוועגט זיך ניט קיין כוואַליע
און קיין גרעזעלע אַפילו;
פון די הימלען פליהען שטערען,
ווי שלוחים אומבעוואוסטע,
שטעלט אָן רייזעלביידע הויפענס,
נאָר די הויפענס בלייבען פוסטע...

13

און דאָרט ווייטער, ווייט פון קאַזמערזש
הויבט אין מזרח אָן צו טאָגען;
רייזעל זעהט די ערשטע שטראַהלען
און זי ווערט דאַן שטאַרק פערטראָגען.
צי עס וואַקסען שוין די לאָקען,
נעהמט זי טאַפּען מיט די פינגער;
און איהר דאַכט זיך, אַז זיי וואַקסען,
ווערט איהר דעמאָלט פיעל גערינגער...

זי וועט וואַרטען ... זי וועט שווייגען ...
זי וועט איינשטילען דאָס בענקען ;
זאָל די מאַמע נאָר געזונד זיין ,
זאַל זי מאָטעל נאַר געדענקען ...



III.

מירקעס ליעבע.

(פראַגמענטען)

I.

שוואַרצע אויגען האָבען פייער —
דיינע זעגען שוואַרץ,
האָסט געוואָרפען הייסע פונקען
אין מיין מיידעלש האַרץ.
רופסט מיך יהודית, רופסט שולמית,
זוכסט מיך אומעדום —
איך האָב ליעב אַ דרייסטען בחור,
ביזטו דרייסט, דאַן קום!
נאָר דעם דרייסטען וועל איך רייצען,
שפּילען מיט זיין גליק;
כ'וועל דיך פּייניגען מיט ליעבע,
זיי אַ העלד — בעזיג!
דיינע בלומען און מתנות
האָב איך היינט צעטיילט,
דיינע ווילדע שטיפערייען
אַלעמען דערצעהלט;
איצטער וועלען אַלע מיידלעך
אָבלאַכען פון דיר,
איצטער וועסטו לאַנגע שעה'ען
וואַרטען ביי מיין טהיר...

נאָר דו זעהסט ניט: דורכ'ן פענסטער
שפּירט דיר נאָך מיין בליק;
ביזט מיר ליעב נאָך, ביזט מיר טייער,
חאָטש איך קוועל פון זיג.
ביזט אַוועק... נאָר ניט געפונען
האָב איך מעהר מיין רוה;
ס'קומען אַנדערע. נאָר קיינער
ליעבט מיך ניט, ווי דו.
קען דאָס זיין דען, אַז מיין חלום
האָט מיך אָבגענאַרט?
קען דאָס זיין, דו זאָלסט ניט קומען?
וויפיעל טעג איך וואַרט...
מיט די פאַרבען פון מיין אומעט
מאָל איך אויס דיין בילד,
נאָר די אויגען, דיינע אויגען
ברענען אַזוי ווילד...
ווערסט נאָך קומען, וועסט נאָך פיהלען,
ווי עס בייגקט מיין האַרץ;
שוואַרצע אויגען האָבען פייער —
דיינע זענען שוואַרץ...
כ'האָב געוואָלט מיט דיר זיך רייצען,
נאָר איך בלייב דיר טריי;
כ'האָב פאַר ליעבע דיך פערטריבען,
נאָר איך רוף אויף ס'ניי:
שוואַרצער בחור, שוואַרצער חתן,
קום צוריק צו מיר

מיינע שענע יום-טוב-קליידער
טראָג איך צוליעב דיר.
מיין געלעגער איז אַ ווייסער
און מיין בליק פערנאַרט,
כ'האָב אַ ווײַן, וואָס מאַכט באַלד שיכּור,
קום... איך וואַרט, איך וואַרט...
מיך געבוירען האָט אַ מאַמע,
וואָס איז שטיל און פרום,
וועל איך זינגען פאַר אונז ביידען...
קום שוין, חתן, קום!...
אַך! די מאַמע ברענגט מיר פערל,
קלייבט פאַר מיר נדן...
פערל שוואַרץ, ווי דיינע אויגען
זענען ניט פאַרהאַן!

II.

כ'האָב געזוכט דיר און געליטען —
איצטער ביזטו דאָ;
זאָל די שעה פון דער בעגעגניש,
זיין די בעסטע שעה.
ס'איז אַוועק אַ נאַכט אין פייער,
איצט בין איך אַליין;
כ'האָב פאַרטאָג די טהיר געעפענט
און געלאָזט דיר געהן.
ביזט ביינאַכט צו מיר געקומען,
ווי אַ שטורם-ווינד,

און אַוועק ביזטו בעגינען,
ווי אַ שטילעס קינד...
כ׳האָב נאָך לאַנג געפּיהלט דיין אָטעם,
לאַנג פון דיר געטראַכט,
כ׳האָט אַ יודישער ציגיינער
היינט ביי מיר פערבראַכט.
וואַנדער ווייטער שטאָלץ און מונטער,
יונג ביזטו און שען...
אויב דו ליעבסט אָבער, ווי מירקע,
קום דאָ אָפּט צוגעהן.
קום צו מירקען, ברייננ איהר פייער,
נעהם איהר טרייע האַרץ...
שוואַרצע אויגען ברענען, גליהען —
דיינע זענען שוואַרץ...